„מיר האָט זיך געגליסט אַ שפּיל טאָן מיט גרויסאַרטיקע מוזיקאַ־לישע טענער, זיך אונטערטוקן אין ליריזם, אין ראָמאַנטיזם, צע־גיין זיך אין מעסיקעס, אין ווייכהאַרציקייט, און דערצו איז די גרעפּין פאָרט אַ מוטער... אַ מוטער, מוטער־געפילן, האָב איך מיר געקלערט, טאָר מען ניט מאַכן גאָר אינגאַנצן צו שפּאָט". דאָך, אויך איר וועט אייך ווי געהעריק זיך איינקוקן אין מאַריאַ, וועט איר ווו־ניט־ווו דערשפּירן די איראָנישע באַציִונג פון דער אַק־טריסע סאָנץ צו דעם געשטאַלט, וואָס זי שאַפט דאָ.

די דאָזיקע איראָנישע באַציִונג בנוגע דעם פּערסאָנאַזש, וואָס זי שפּילט, איז באַזונדער לייכט צו באַמערקן ווען סאָנץ שפּילט ליאַ אין „די לעצטע". הערט זיך איין אין דער שטאַרק גראָטעס־קירטער מעלאָדיע פון סאָנצס טענער אין אָנהייב פון צווייטן אַקט, בשעת זי נעמט איינריידן דעם מאַן אירן, אַבראַמען, ער זאָל פאַר־בלייבן אויף די „אימענינעס" [געבוירנטאָג־פייערונג]. זי קלעבט זיך צו אים און פּיעשטשעט זיך און לאַשטשעט זיך כלומרשט „אַ־ב־ר־אַ־ם ט־יי־ע־ר ינקער". אָט אַזוי מאַכט סאָנץ חוזק פון





ליאַ כמעט אין משך פונם גאַנצן ספּעקטאַקל. אָט די פון אָנהייב ביזן סוף באַוווסטזיניקע באַציִונג צו יעדן געשטאַלט, וואָס זי שפּילט, איז דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פאַר סאָנץ. „פריער פאַר אַלץ — זאָגט סאָנץ — שטעל איך מיר די פראַגע וואָס פאַרע עמאַציעס דאַרף דער טיפּ מיינער אַרויסרופן ביים צושויער — אָנגענעמע אָדער אומאָנגענעמע, און וועלכע איז די לאַגע פון אָט דעם טיפּ אין לעבן, אין דער געזעלשאַפט, און ערשט דערנאָך, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער דאָזיקער טיפּ אויסערלעך".

אָט מאַכט זיך ביי סאָנץ, אַז דער אויסערלעכער אויסזען פון איר געשטאַלט איז אָפּהענגיק פון אַ צופעליקייט; „ווען איך האָב געאַרבעט איבער דער ראָלע פון נאַסטיע — דערציילט סאָנץ — און האָב געקלערט וועגן איר אויסערלעכן אויסזען, האָב איך לאַנג ניט געקאָנט זיך אָפּשטעלן אויף אַ באַשטימטער אויסערלעכער מאַסקע. איינמאָל גיי איך דורך פאַרביי אַ קראָם, זע איך פון דאָרט לויפט אַרויס אַ פּשוט רוסיש מיידל מיט ליינענע ווייסע האָר, פּונקט ווי איך האָב עס דערנאָך געמאַכט מיט נאַסטיעס פּאַרוק, קלער איך מיר: אַהאַ, איך האָב זי געפּאַקט".



אין „זאַגמוק" ווו סאָנץ שפּילט דעם נציבס בייזע פרוי גינגאָל־אומי, אַ פרוי אַ וואַמפּיר, אַ בלוטצאַפּערין, האָט זי דערגאַנגען דעם תוך פון דעם דאָזיקן געשטאַלט ווען זי האָט גענומען ›. די הענט די בייטש (דעם קאַנטשיק מיט וועלכן מען שמייסט דאָרט די שקלאַפן). פאָכנדיק מיט דער בייטש, וואָס האָט גענומען זיך שלענגלען, האָט זי דערפילט, אַז גינגאָל־אומי איז אַ שלאַנג, און דאָס איז געווען דער אויסגאַנג־פּונקט צום ריכטיקן אויפפאַסן דאָס דאָזיקע געשטאַלט.

די איבערלעבונגען פון די העלדן, וועלכע זי שפּילט, רירן זי ניט אָן. דאָס געשטאַלט ווערט ביי איר געבוירן דורך טיפן אַריינ־טראַכטן זיך אינם עצם פונם געשטאַלט און דורך ריין טעכנישע מיטלען. דאָס איז באַזונדערס מערקבאַר ווען איר וועט זיך צוקוקן ווי סאָנץ שפּילט ליאַ אין „די לעצטע". דאָ מערקט איר ביי איר אויפשוווּנגען פון אַ מייסטער, און מאָמענטן צווישן אָט די אויפשוווּנגען, ווו עס פילט זיך אַ געוויסע פּוסטקייט, און דאַן ערשט איז לייכט צו באַמערקן די ריין־טעכנישע מיטלען מיט וועלכע זי האָט דידאָזיקע פיגור געשאַפן.

עס גלוסט זיך פאַרגלייכן סאָנץ מיט נאָך איין שעפערישער פּערזענלעכקייט מיט וועלכע זי האָט עטוואָס געמיינזאַם. דאָס איז די מאָסקווער אַרטיסטין גליזער, וועלכע האָט זיך אַזוי גלענצנדיק צעבליט אין מאָסקווער פּראָלעטקולט־טעאַטער און דערנאָך אינם רעוואָלוציע־טעאַטער".

י. ליובאָמירסקי — „מעלוכישער יידישער טעאַטער אינ אוקראַיִנע", כאַר־קאָוו, 1931, זז. 98־95.

# פישזאָן, אברהם

[געבוירן 1843 — געשט. 15 יאַנואַר 1922]

געבוירן 1843 אין בערדיטשעוו, אוקראַינע, ביי פאַרמעגלעכע עלטערן, זייער פרומע. ניט ווייט פון חדר, ווי ער האָט געלערנט, האָט זיך געפונען אַ פּויליש טעאַטער און ער פלעגט זיך גאַנץ אָפט דאָרט אָפּשטעלן און זיך צוהערן די רעפּעטיציעס פון די אַקטיאָרן. איינמאָל האָבן אָרטיקע כלל־טוער איינגעאָרדנט אַ רוסישע פאָרשטעלונג פאַר אַ וווילטעטיקן צוועק און מ'האָט געבראַכט צו זיין זיידען בילעטן וועלכע ער האָט אַוועקגעגעבן צו פ'ס שוועסטער, און זי האָט אים מיטגענומען אין טעאַטער. אין דיווערטיסמענט פון דער פאָרשטעלונג האָט זיך באַטייליקט אַ חזן, און פ. זינגט שפּעטער נאָך זיינע תפילות. אַ קורצע צייט שפּעטער, כמעט נאָך אַ קינד, הייבט ער אָן שרייבן לידלעך, וועלכע ווערן באַלד פּאָפּולער אַלס „אַלטערס לידלעך" (דעם נאָמען „אַלטער" טראָגט ער אַלס בן־יחיד ווי אַ סגולה). דאָס ערשטע פון דידאָזיקע לידלעך האָט גע־הייסן „כל מקדש", איז צוערשט געזונגען געוואָרן אין פיל יידישע הייזער אין בערדיטשעוו און איז שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער. אַלס טעמעס פאַר זיינע שפּעטערדיקע לידלעך האָט פ. באַנוצט פאַרשיידענע פּאַסירונגען אין

שטאָט ווי אַ געשיכטע מיט איינעם „יידל דער רויטער“, וואָס פאַרסמט זיך, אַ געשיכטע מיט אַ באַנקראָט פון אַ גרויסן סוחר א.ד.ג. אין משך פון אַ קורצע צייט ווערט ער געקרוינט אַלס דער „בערדיטשעווער פאָעט“, און ער שרייבט כסדר לידלעך פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז אַריין אין זיינע שפּעטערדיק געדרוקטע זאַמלונגען:

דער נייער משוגענער
זאַמלינג יודישע פאָלקס לידער
פאַרפאַסט מיט די האַרמאָניע פאָן מוזיק בעגלייטונג
טעקסט מיט געזאַנג פאָן אַלל באַקאַנטען אַרטיסטען א. פּישזאָהן,
וואַרשע, דרוק „הצפירה“, מאַריאַנסקא 2, תרס״ג 1913
[אַנטהאַלט 76 זייטן, 20 לידער]

א. קירזשניץ — דער טויט פונ׳ם אַלטען אידישען אַקטיאָר אין כּאַרבין, „פאַרווי“, 24 פעברואַר 1922.

ס. ביכערפרעסער [שלום־עליכם] שרייבט:

„ר׳ אַלטער פּישזאָהן איז אַ גרעסערער פאָעט אַלס משה מאַראַחאָווסקע מבאָהסלאַוו פלך קיעוו (זיין בוך ווערט דאָרט פריער רעצענזירט). ר׳ אַלטער פּישזאָהן האָט אַנידערגעשטעלט זיין פאַרטרעט אויפן ערשטן בלעטל ווי אַ שיינע מצבה: דער פאָרטרעט שטעלט פאר אַ יידל פון יענע יידלעך, וואָס שטייען אויסגעמאָלט גאַנצע מחנות אויף די ייִנגלשע פאָנען אום שמחת תורה... אַ גאַנץ לייטיש בילד (דער רעצענזענט ציטירט זיינע לידער און באַמערקט): ר׳ אַלטער פּישזאָהן איז אַ פאַטריאָט אויך, ניט נאָר אַ פאָעט ...נאָר געראָטענער פון אַלע לידער איז טאַקע אָרט דער „כל מקדש“

... אַ יאָ, דעם נייעם זינגער הנגיר ר׳ אַלטער פּישזאָהן וואָלט געווען אַ יושר — (ציטירט לויט פ. ׳ס ליד) מיט דעם בעזימל נאָר פליאַסקען און פליאַסקען, ונחל עדניך תשקם“.

פ׳ס עלטערן זיינען זייער אומצופרידן; וואָס ער, דער בעסטער בעל קורא, און אָפטער בעל־תפילה אין שולכל, פאַרנעמט זיך מיט „אַזעלכע זאַכן“. דער נאָמען „אַלטערל בדהן“ ווערט דערווייל זייער פּאָפּולער און דערגרייכט ביז צום בראָדערזינגער ישראל גראַדנער, וועלכע קומט צו אים בעטן זיינע חיבורים. אָנשטאָט געלט צאָלט ער מיט טיטון. ביידע ווערן זייער נאָנט באַפריינדט. גראַדנער זינגט פאַר אים פאַרשיידענע לידלעך, וועלכע ער האָט ערגעץ ווו געאיז אויך אינסטרומענטאַל, אַז ער זאָל ווערן אַ „זינגער“ און הייבט הערט. פ. פאַרשרייבט זיי און אַ טייל „גלייכט“ ער אויס. גראַדנער אים אָן ארומפירן איבער שטובן אויף „היימישע קאָנצערטן“.

קיין מתמיד צום לערנען איז פ. ניט געווען, קיין גרויסע פעיקייטן צו לימודים האָט ער ניט אַרויסגעוויזן, און צו 17 יאָר, נאָכן לערנען אַ ביסל גמרא, וואָס איז פאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש, האָט ער מער ניט געוואָלט אַריבערטראָגן דעם „עול־תורה“, פאַרלאָזט ער זיין היים און אַנטלויפט קיין זשיטאָמיר, ווו ער באַקענט זיך מיטן דאָרטיקן לערער אין דער ראַבינער־שול, דעם יידיש־העברעישן שרייבער אברהם־בער גאָטלאָבער, און מיט אברהם גאָלדפאַדן, וועלכער האָט דאָרט געלערנט.

ניט פאַרמאָגנדיק אַפילו קיין עלעמענטאַרע בילדונג, נאָר זייענדיק באַגאַבט און זייער באַוועגלעך, האָט פ. נייגיריק אָנגעהויבן זיך צוקוקן צום געבילדעטן גאָטלאָבער, באַקענט זיך מיט זיינע דראַמאַטישע ווערק, וואָס האָבן אים פאַרכאַפּט, און ער דערפילט, אַז זיין וועג איז צו דער בינע.

מענדל עלקין שרייבט:

„קיין יידיש טעאַטער אין מאָדערנעם זינען פון וואָרט איז אין יענער צייט ניט געווען. אין דער ערשטער העלפט פון די 70־ער יאָרן האָבן איבער רומעניע און דרום־רוסלאַנד געוואַנדערט יידישע פאָלקסזינגער, וועלכע פלעגן זינגען לידלעך אין ווייַנשטובן און אין גרעסערע יידישע רעסטאָראַנען. פּישזאָן הייבט אָן שרייבן פאַר די פאָלקסזינגער לידלעך און מיניאַטורן. אַ טייל פון די דאָזיקע „כתבים“ זיינען געווען געדרוקט אין ליניעצקיס הומאָריסטישער צייטונג „ישראליק“, וועלכע איז דאַן אַרויסגעגאַנגען אין לעמבערג. פּישזאָנס לידלעך זיינען געווען טיילווייז וויציק, נאָר שטענדיק יידישלעך און צוגעפעפערט מיט בדחנות. מהאי טעמא טאַקע האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן בדחן, און ער האָט דעם נאָמען געטראָגן בכבוד און געבדחנט ווי און ווו ער האָט געקאָנט.

צום סוף פון די 70־ער יאָרן האָבן שוין געשפּילט דריי יידישע טרופּעס; איינע אין קיעוו מיט מאָגולעסקאָ, טאַנצמאַן א. א. און מיט גאָלדפאַדן בראש, צוויי אין אָדעס, אַ דראַמאַטישע מיט י. ח. לערנער אין דער שפּיץ, און אַן אָפּערעטן־טרופּע פון שייקעוויטש (שמ״ר). פּישזאָן האָט זיך געלאָזט קיין קיעוו צו גאָלדפאַדענען, נאָר ער האָט דאָרט קיין פּראָבע־אויפטריט ניט באַקומען. מיט אַ שווער געמיט לאָזט ער זיך גיין אָדעס. לערנער האָט זיך גלייך אָפּגעזאָגט פון צונעמען אים צו זיך און זיין אַריינטרעטן צו שמ״רן אין טרופּע איז אויסגעקומען נאָר דורך אַ צופאַל וועלכער האָט אָבער שוין באַשטימט פּישזאָנס גורל לעולם־ועד [אייביק].

דער צופאַל איז געווען פאָלגנדיקער: אונטער דעם איינדרוק פון דער טערקישער מלחמה ביי וועלכער פיל יידן זיינען שטאַרק רייך געוואָרן, האָט גאָלדפאַדן אָנגעשריבן אַ קאָמעדיע „דער פּאָדריאַטשיק“, אַ סאַטירע אויף די רייך־געוואָרענע מלחמה־ליווראַנטן. די דאָזיקע פּיעסע האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג און טאָג־טעגלעך פלעגט גאָלדפאַדנס טעאַטער זיין פול מ״ט באַזוכער. שמ״ר־שייקעוויטש, אַלס קאָנקורענט, האָט עס ניט געקאָנט סובל זיין (אַריבערטראָגן) און האָט זיך גענומען שאַפן אַ „שלאָגער“, וועלכער זאָל פאַרטרייבן דעם „פּאָדריאַטשיק“. ער האָט גענומען גאָלדפאַדנס דריי פּיעסן, וועלכע האָבן אַממערסטן געהאַט ערפאָלג: „די באָבע יאַכנע“, „די באָבע מיטן איייניקל“ און „דער פּאָדריאַטשיק“, האָט עס אויסגעמישט צוזאַמען, אַ ביסל צוגעווירצט, אַריינגעפלאָכטן מוזיק פון פאַרשיידענע אָפּערן און עס אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט אונטערן נאָמען „דער דיבוק“. איינע פון די הויפּט־ראָלן אין „דיבוק“ איז געווען אַ באָבע. אויף פּישזאָנס גליק האָט זיך ביי שייקעוויטשן קיינער ניט געפונען, וואָס זאָל די דאָזיקע ראָל שפּילן, און דער יונגער אברהם פּישזאָן ווערט איינגעלאַדן דורך שמ״רן צו שפּילן די ראָל פון אַן אַלטער באָבע. דער דעביוטאַנט האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען גלענצנד, און פון דאַן אָן הייבט זיך אָן פּישזאָנס גלאַנץ תקופה אין די ראָלן פון די באָבע־ראָלן: „די בוק“, „יאַכנע“, „שפּרינצע די מעקלערקע“, „די באָבע מיטן אייניקל“, „מישקע און מאָשקע“ א. א. וו. מיט וועלכע ער פאָרט אַרום איבער גאַנץ דרום־רוסלאַנד און האָט אומעטום ערפאָלג. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט לייגט דערביי פּישזאָן אויף גאָלדפאַדנס פּיעסן. צו זיי באַציט ער זיך מיט גרויס דרך־ארץ, און אויפפירנדיק וועלכע עס איז פון זיי, איז ער זיך „מקריב“ אַבי נאָר עס זאָל זיין שיין און גוט.

אין יאָר (1883), ווען דאָס יידישע טעאַטער איז אין רוסלאַנד אינגאַנצן פאַרבאָטן געוואָרן און די לאַגע פון די יידישע אַקטיאָרן

איז געוואָרן אַ פֿאַרצווייפֿלטע, איז דער גרעסטער טייל פֿון די אָנגעזעענסטע אַקטיאָרן: אַדלער, טאָמאַשעווסקי (האָט דעמאָלט קיינמאָל ניט געשפּילט אין רוסלאַנד — ז. ז.), מאָגולעסקאָ, גאָלדפֿאַדן איז אַוועק קיין אַמעריקע ערשט אין 1887. א. א. אַוועק קיין אַמעריקע. אברהם פֿישזאָן איז געבליבן שטיין ווי אַ וועכטער אויף זיין פּאָסטן כדי ווייטער צו קעמפֿן פֿאַרן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד. אין דעם דאָזיקן קאַמף זיינען פֿאַר פֿישזאָנען אַלע מיטלען געווען כשר. אַלץ איז רעכט געווען — פֿון אָפּנאַרן און באַשווינדלען „נאַטשאַלסטוואָ", ביז קלאָגן און בעטלען, פֿאַרגעסנדיק די אייגענע מענטשלעכע ווערדע — אבי נאָר עפּעס פּועלן פֿאַרן טעאַטער. וואָס דער דאָזיקער פֿישזאָן האָט אין דעם זינען אויפֿגעטאָן פֿאַרן יידישן טעאַטער, איז אַמבעסטן צו זען פֿון זיינע מעמואַרן אונטערן טיטל „מעמואַרן פֿון אַ יידישן אַקטיאָר", וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין קוגעלס (האָמאָ נאָוואוס)זשורנאַל „טעאַטער אי איסקוסטוואָ" און אין האָכבערגס אָדעסער יידישע ציטונג „אונדזער לעבען". (שפּעטער אויך געדרוקט אין ניו־יאָרק „מאָרגען זשורנאַל").

אברהם פֿישזאָן קלייבט צונויף די רעשטלעך יידישע אַרטיסטן, וואָס זיינען פֿאַרבליבן אין רוסלאַנד און ווערט אַ דירעקטאָר פֿון אַ „דייטש־יידישער" טרופּע מיט וועלכער ער לאָזט זיך אָפּריכטן טעאַטער־גלות איבערן יידישן תחום. די רוסישע סאַטראַפּן האָבן געטאָן דאָס זייעריקע, האָבן געשטערט ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט און פֿישזאָן האָט געטאָן דאָס זייניקע — האָט אַ תל געמאַכט פֿון די „קמצן", האָט זיי אַלע פֿאַרביטן אויף „פּתחן" און האָט געדייטשמעוועט. עס איז זיך לייכט פֿאָרצושטעלן וואָס פֿאַר אַ שווער לעבן דאָס איז געווען, נאָר דער „דייטש־יידישער" דירעקטאָר איז געווען אונערמידלעך און האָט געאַרבעט מיט עקשנות און ליבע.

צום סוף פֿון די 80־ער יאָרן האָט זיך צוריקגעקערט פֿון אַמעריקע דער אַרטיסט ספּיוואַקאָווסקי. פֿישזאָן פֿאַרייניקט זיך מיט אים. זיי שאַפֿן בשותּפֿות אַ טרופּע און פֿאָרן מיט איר אַרום איבער רוסלאַנד, האַבנדיק שטענדיק אויסצושטיין די רדיפֿות פֿון רוסישע צאַריסטישע טשינאָווניקעס. זיי באַמיען זיך צו שפּילן „שיין טעאַטער", ס׳פֿאַרשטייט זיך: אָפּערעטקעס, מעלאָדראַמעס און פֿאַרסן. אַפֿילו אין יענער שווערער צייט איז פֿישזאָנס טרופּע געווען איינע פֿון די גרויסע וואַנדערנדיקע טרופּעס. זי האָט געציילט 60־70 פּערזאָן, צווישן וועלכע ס׳זיינען געווען אַזעלכע באַטייטנטע טאַלענטן ווי נעראָסלאַווסקאַיאַ, זאַסלאַווסקאַיאַ, בראַגינסקאַיאַ (די פּרוי פֿון אברהם פֿישזאָן, אַ שוועסטערקינד פֿון באַוווסטן אָפּערע־זינגער בראַגין), ראַפּעל, ריבאַלסקי א. א. און דאָס איז געווען ניט צופֿעליק. פֿישזאָנס סיסטעם פֿון טעאַטער־פֿירונג איז געווען אַזעלכער: אַ טרופּע דאַרף זיין אַ גרויסע, אַרטיסטן גוטע, דעקאָראַציעס שיינע און בכלל אַרום טעאַטער דאַרף זיין טומלדיק. ער פֿלעגט אַקטיאָרן יאָרן־לאַנג האַלטן ביי זיך אין טרופּע, און טאָמער פֿלעגן זיי וועלן אַוועק, פֿלעגט ער זיי מיט פֿאַרשיידענע „איינפֿאַלן" צובינדן צו זיין טרופּע. די „איינפֿאַלן" זיינען אָפֿט געווען ניט גאָר קיין געהויבענע, נאָר דאָס האָט אים ניט געאַרט, אבי די טרופּע זאָל ניט צופֿאַלן.

**[געוויסע אַקטיאָרן פֿון זיין טרופּע פֿלעגן דערציילן, אַז ווען זיי זיינען אַנגאַזשירט געוואָרן, פֿלעגט פֿ. ביי זיי צונעמען זייערע פּעסער, און אָן אַ פּאַס האָט מען זיך אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד ניט געקאָנט פֿריי באַוועגן. אַנדערע אַקטיאָרן פֿלעגן אַפֿילו דערציילן, אַז אין געוויסע פֿאַלן ווען די אַקטיאָרן פֿלעגן זיין אָן פּעסער אָדער זייער אינדענטיפֿיקאַציע איז, צוליב מיליטערוועט זיי מסרן אין דער פּאָליציי, און זיי האָבן דעריבער געמוזט פֿאַרבלייבן אין זיין טרופּע.]**



צום סוף פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז דער דייטש־יידישער רעפּערטואַר געווען אויסגעשעפּט. דאָס פּובליקום, וואָס האָט זיך אַביסל באַפֿרייט פֿון דעם שרעקלעכן רעאַקציע־קאָשמאַר, האָט מיט זיין פּאַסיווער באַציונג צום דאָזיקן טעאַטער פּראָטעסטירט קעגן דעם שונד־רעפּערטואַר, און פֿאַר פֿישזאָנען איז אויסגעוואַקסן אַ פֿראַגע וואָס וועט ווייטער זיין?, וואָס שפּילט מען? די פֿראַגע איז געשטאַנען אַזוי ערנסט, אַז עס האָט געדראָט אַ געפֿאַר דעם קיום פֿון דער טרופּע, און דאָס האָט כמעט געהייסן — דעם קיום פֿון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד. גאָט האָט אָבער צוגעשיקט אַ ישועה: קיין רוסלאַנד איז דאַן אָנגעקומען דער באַקאַנטער אַרטיסט סעם אַדלער און האָט געבראַכט אַ ריי פּיעסן פֿון גאָרדין, ליבין, קאָברין א. א. ניט גרינג איז געווען אַריבערצוגיין פֿון „באָבע יאַכנע" צו דעם נייעם רעפּערטואַר, וועלכער האָט געפֿאָדערט גאַנץ אַנדערע מיטלען, נאָר פֿישזאָן האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, האָט די שוועריקייטן גובר געווען און האָט זיך באַוויזן אויף דער יידישער בינע מיט אַ נייעם, ביז דאַן לחלוטין אומבאַקאַנטן, יידישן מיליע־רעפּערטואַר, וועלכער ווערט באַגייסטערט אויפֿגענומען דורכן פּובליקום און באַשאַפֿט פֿאַר פֿישזאָנען אַ נייעם טריומף אויף דער יידישער גאַס, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מ׳האָט נאָך אַלץ געמוזט שפּילן אויף „פּתח"־דיאַלעקט, און אַז דעם אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק שמעקט ניט פֿישזאָנס ערפֿאָלג און ער טרייבט אים אַרויס מיט זיין טרופּע פֿון אָדעס, לאָזט זיך פֿישזאָן איבערן יידישן תחום, און אַן אויסערגעוויינלעך ערפֿאָלג באַגלייט זיין רייזע פֿון שטאָט צו שטאָט.

דאָס איז שוין געווען אין אָנהייב פֿון 20־טן יאָרהונדערט. ער באַזוכט דאַן פּעטערבורג און מאָסקווע, און נאָך גרויסע השתּדלות גיט זיך אים איין צו פּועלן, אַז די צענזור זאָל ערלויבן שפּילן **יידיש**, און אַזוי אַרום האָט ער געגעבן די מעגלעכקייט דער יידישער דראַמע צו באַווייזן זיך אויף דער בינע אין איר נאַטירלעכער פֿאָרם און שפּראַך, און די דאָזיקע דראַמע האָט פֿון דאַמאָלס אָן פֿאַרנומען אַ דאָמינירנדיקן אָרט אין פֿישזאָנס רעפּערטואַר.

צוליב פֿאַרשיידענע סיבות איז די שותּפֿות פֿון ספּיוואַקאָווסקי צעפֿאַלן און אין יאָר 1906 צעפֿאַלט זיך די טרופּע אינגאַנצן. די באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס אויף אַלע געביטן און בפֿרט אויפֿן געביט פֿון ליטעראַטור און קונסט איז אין יענער צייט געגאַנגען אין אַזאַ שנעלן טעמפּ, אַז דעם עטלעכע און זעכציק־יאָריקן פֿישזאָנען איז שוין שווער געווען נאָכצויאָגן נאָך איר. פֿאַרביטערט, אויסגעמאַטערט, כמעט איינזאַם פֿאָרט ער אַוועק קיין גאַליציע, פּרווט דאָרט עפּעס טאָן אויפֿן אַלטן שטייגער, אָבער עס גיט זיך אים ניט איין; ער קערט זיך אום קיין וואַרשע, און אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון זיינע חברים־אַרטיסטן (קאַמינסקי, ליבערט א.אַ.) ערקלערט ער פֿייערלעך, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פֿון כּסא המלכות (קעניגלעכן טראָן): „ביז איצט בין איך געווען אַ קיסר אויף דער יידישער בינע. איצט זע איך, אַז איך טויג שוין ניט מער. נאַט אייך מיין קרוין און פֿירט איר די מלוכה"... אַברהם פֿישזאָן ווערט אויס דירעקטאָר, אָבער נאָר אויף עטלעכע טעג. דער אַלטער שתּדלן פֿאַרן יידישן טעאַטער פֿאַר וועלכן אַלע מיטלען זיינען כשר, האָט זיך אין אים אויפֿגעוועקט

און ער הייבט ווידער אָן פֿון דאָס ניי. אַבֿרהם־יצחק קאַמינסקי אַרענדירט דאַן אין וואַרשע דאָס טעאַטער „זשאַרדען ד׳היוועך״ און נעמט צו פּישזאָנען פֿאַר אַ שותּף. וואָס דאָרט האָט פּאַסירט, איז אומבאַוווּסט, נאָר אין עטלעכע טעג אַרום האָט פּישזאָן אַרויסגעשטופּט פֿון טעאַטער דעם ווייכהאַרציקן אַבֿרהם־יצחק קאַמינסקי און איז אַליין געבליבן קעניגן אין „זשאַרדען ד׳היוועך״. ער האָט זיך ווידער אָנגעטאָן די קרוין און האָט זי שוין געטראָגן ביז דעם לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן״.

בינע אַבראַמאָוויטש דערציילט אין אירע זכרונות, אַז נאָכדעם ווי עס איז אין 1883 אַרויס דער פֿאַרבאָט אויפֿן יידישן טעאַטער, האָט פּ. זיך פֿאַרייניקט מיט די אַקטיאָרן בלומענטאַל, בינע און מענדל אַבראַמאָוויטש און זיי זיינען אויפֿגעטראָטן אין פֿעראָנס צירק אין אייניקע יידישע נומערן, דערונטער אַ וואָדעוויל־אַקט „די געברידער יאַמפּאָליס״ ווי אויך אין אַ קוואַרטעט אונטערן נאָמען „דער קאַצן־קוואַרטעט״. אָנגעהויבן האָבן זיי אין ווינניצע און זיינען מיט דעם רעפּערטואַר אַרומגעפֿאָרן איבער רוסלאַנד. אין קאָמענעץ־פּאָדאָלסק האָבן זיי איינמאָל אין אַ צירק געשפּילט סצענעס פֿון „שולמית״ אין פּאַנטאָמים און די עטלעכע ווערטער, וועלכע זיי האָבן באַנוצט אין רייד אָדער געזאַנג, זיינען געווען אויף „דייטש״ די ראָלן זיינען געשפּילט געוואָרן: „צינגעטאַנג״ — בינע אַבראַמאָוויטש, „אַבשלום״ — מענדל אַבראַמאָוויטש, „אַביגיל״ — אַ צירק־רייטערין.

אין אירע זכרונות דערציילט די באַרימטע אסתּר־רחל קאַמינסקאַ, אַז אין 1892 איז פּ. געקומען צוזאַמען מיט ספּיוואַקאָווסקי אין וואַרשע און אָנגעהויבן שפּילן אין „עלדאָראַדאָ״. ספּיוואַקאָווסקי האָט זיך באַלד אָפּגעטיילט פֿון אים, די טרופּע איז זיך צעפֿאַלן, און פּ. האָט צונויפֿגעשטעלט אַ נייע טרופּע אין וועלכער עס זיינען אַריין ליבערט, ראַפֿעל, קאַמינסקי, אַדאָלף בערמאַן, ראָטשיין, זילבערבערג, טשיזיק, בראַגינסקאַ, געליס מיט זיין פֿרוי און טאָכטער און אסתּר־רחל. די טרופּע איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון וואַרשע קיין לאָדזש, וווּ זי האָט געליטן אַ דורכפֿאַל און פּ. איז אַוועקגעפֿאָרן.

**שאול גינזבורג שרייבט וועגן פּ.׳ס באַמיונגען בטל צו מאַכן די גזרה פֿון ניט־טאָרן שפּילן יידיש טעאַטער:**

„אין יאָר 1901 האָט דער באַוווּסטער אַרטיסט א. ישזאָן דערלאַנגט אין סענאַט אַן אַפּעלאַציע קעגן דעם פֿאַרבאָט. אין זיין בקשה האָט ער אָנגעוויזן, אַז די פֿאַראָרדנונג פֿון מיניסטעריום (ניט צו דערלויבן שפּילן יידיש טעאַטער) שטימט ניט מיט דעם געזעץ, און דעריבער מוז זי אָנערקענט ווערן פֿאַר אומגילטיק. פּישזאָן האָט געגלייבט אין יושר פֿונם רוסישן סענאַט. ער האָט אָבער געהאַט די מעגלעכקייט צו איבערצייגן זיך, אַז ער האָט געלעבט אין טעות. גאַנצע פֿיר יאָר האָט זיין בקשה געוואַנדערט איבער פֿאַרשיידענע אינסטאַנצן און אין יאָר 1904 האָט ענדלעך דער סענאַט געשטעלט דעם אורטייל: לויט דעם געזעץ מעג די פּאָליציי אָפּזאָגן אַן ערלויבניש אויף אַ טעאַטראַלע פֿאָרשטעלונג אויב עס קאָן דערפֿון פֿאָרקומען אַ שאָדן, און דעריבער דאַרף פּישזאָנס אָנקלאַגע אָפּגעוואָרפֿן ווערן. אַז דער פּאָליציי געהער אָן, לויט דעם געזעץ, דאָס רעכט ניט צו דערלויבן אַ פֿאָרשטעלונג אויב עס קאָן דורכדעם געשען אַ שאָדן, וועגן דעם איז דאָך קיינמאָל קיין צווייפֿל ניט געווען, און ניט וועגן דעם האָט זיך געהאַנדלט אין פּישזאָנס ענין. די פֿראַגע מכּוח וועלכער דער סענאַט האָט דאָ געזאָלט געבן זיין באַשייד, איז געווען גאָר אַן אַנדערע, צי מעג דער מיניסטער פֿאַרווערן בכלל יידישע פֿאָרשטעלונגען ווי באַלד זיי זיינען ניט דעם געזעץ ניט פֿאַרבאָטן? אַזוי ווי דער ריף האָט געקאָנט זיין נאָר איין ענטפֿער — אַ נעגאַטיווער, האָט דער סענאַט זיך באַנוצט מיט אַזאַ מיטל, וואָס האָט געפּאַסט פֿאַר אַ יאַבעדניק, אַ ווינקל־אַדוואָקאַט, אָבער ניט פֿאַר דער העכסטער יוסטיץ־אינסטאַנץ אין לאַנד. ער האָט פּשוט פֿאַרשוויגן די עצם־פֿראַגע, געגעבן אַן ערקלערונג, וועלכע האָט קיין שום שייכות צו דער זאַך ניט געהאַט, און דערמיט אָפּגעפּטרט פּישזאָנס אָנקלאַגע.״

אין אירע זכרונות דערציילט די שוישפּילערין ווירעאַ זאַסלאַווסקאַ, די פֿרוי פֿון מישע פּישזאָן, אַדאָפּטירטער זון פֿון אַבֿרהם פּישזאָן, וועגן די באַמיונגען פֿון איר שווער צו קריגן די דערלויבעניש צו שפּילן טעאַטער אויף יידיש.

זי גיט איבער, אַז איר מאַן האָט געהאַט אַ צוטריט צו יידישע אַריסטאָקראַטישע הייזער און שפּילנדיק „יידיש־דייטש״ אין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָט ער זיך באַקענט מיט דער פֿאַמיליע זילבערמאַן, וועמענס איין אַ ברודער, אַן אַדוואָקאַט, האָט געוווינט אין פּעטערבורג, און ביי אים אויסגעווירקט, אַז ער זאָל זיך דאָרט אין מיניסטעריום משתּדל זיין, אַז מען זאָל מעגן שפּילן אויף יידיש. אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער געהילף־מיניסטער זוויעראָוו, דער הויפּט־פֿאַרוואַלטער איבער אַלע דרוק־זאַכן, זיינער אַן אינטימער פֿריינט, האָט אים אינפֿאָרמירט, אַז די גזרה פֿון 1883, אַז מען טאָר ניט שפּילן אויף יידיש, קאָן אָפּגעשאַפֿט ווערן נאָר דורכן צאַר אַליין, וואָס ער וועט זיכער ניט טאָן, מען קאָן אָבער פּועלן ביים פֿאָרזיצער פֿון דער צענזור־קאָמיסיע, גענעראַל קאַבעקאָ, אַ גרויסן ליבעראַל, אַז ער זאָל צענזורירן פּיעסן געשריבן אויף יידיש, אַנשטאָט ווי ביז דעמאָלט אויף דייטש, און ממילא וועט מען קאָנען שפּילן לויט ווי די יידישע צענזורקע.

**זאַסלאַווסקאַ שרייבט:**

„דער אַלטער (אַבֿרהם פּישזאָן) איז געווען פּשוט גליקלעך, וואָרעם די גאַנצע צייט האָט ער אַלץ ניט געוואָלט אויפֿגעבן דעם געדאַנק צו שפּילן אויף ריין יידיש. ער האָט די גאַנצע צייט וועגן דעם ענין געהאַלטן אין איין שרייבן צו די פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען פֿון די מיניסטעריומס, און דעם 28 אויגוסט 1904 האָט ער אַפֿילו זיך איינגעשטעלט און אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צום קייזער אַליין. די טעלעגראַמע איז געווען געדרוקט אין אַ סך רוסישע און יידישע צייטונגען, אָבער קיין ענטפֿער איז ניט געקומען. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל באַלד אַוועקזעצן עטלעכע מענטשן איבערשרייבן פּיעסן אויף יידיש, און קוים וועלן זיין פֿאַרטיק אַ ביסל איבערגעשריבענע יידישע פּיעסן, זאָל פּישזאָן פֿאָרן קיין פּעטערבורג. אמת, אַז עס זיינען שוין דעמאָלט געווען אַ סך געדרוקטע פּיעסן אין יידיש, אָבער געוויינלעך זיינען דאָס געווען פּיעסן פֿון אַזאַ כאַראַקטער וועלכע מ׳פֿלעגט ניט שפּילן אין יידישן טעאַטער. דאָס זיינען געווען די אַזוי־גערופֿענע ליטעראַרישע פּיעסן, אָדער סתּם געדרוקטע זאַכן אין אַ דראַמאַטישער פֿאָרם, וועלכע טויגן ניט פֿאַר דער בינע. אונדזער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען כּמעט בלויז פֿון געשריבענע פּיעסע וועלכע מ׳פֿלעגט מערסטנטייל ברענגען פֿון אַמעריקע. ... דאָס מאָל האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן אַלע דייטשע ווערטער, און אויף זייער אָרט אַריינגעשטעלט עכט־יידישע ווערטער. מען האָט אַרויסגעוואָרפֿן דעם „אָבוואָהל״, „טאַנטע״, „אָנקל״, „וואַרום״, „פֿאַרהייראַטעט לאַוט געזעץ״, „די זאָננע״, „דער מאָנד״, „די שטערנע״ און אַריינגעשריבן אויף זייער אָרט: כאָטש, מומע, פֿעטער, פֿאַרוואָס, חופּה וקידושין, די זון, די לבנה, די שטערן. היינט אַזאַ זאַך ווי

„מעכסטו איהם נעהמען פיר איין פערוואַנרטעטע?“ איז געוואָרן „וואָלסטו אים געוואָלט נעמען פאַר אַ מחותן?“. ...עס האָט גענומען צען טעג ווי מען האָט צוגעגרייט אַ לייטיש פעקל פיעסן, און דער אַלטער פישזאָן איז אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג ... פינף וואָכן איז דער אַלטער געווען אין פעטערבורג. דורך דער צייט האָט ער אונדז געלאָזט וויסן, אַז „עס גייט אַ גאַנג, אָבער מען דאַרף האָבן געדולד“. ערשט נאָך פינף וואָכן האָבן מיר באַקומען פון אים אַ טעלעגראַמע „אַלע קאָסטיומען פאַרטיק. כ׳פאָר קיין כאַרקאָוו“. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז אַזוי צו זאָגן תרגום־לשון, אַז דער אַלטער דאַרף ניט באַזאָרגן קיין קאָסטיומען. נאָר אַז דאָס מיינט ער, אַז ער האָט שוין פאַרטיק אַלע צענזורקעס. אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז גלייכער פאַר אַ „גוט אויג“ ניט צו דערמאָנען אָט דאָס וואָרט. באַלד דערנאָך האָבן מיר ווידער פון אים באַקומען אַ טעלעגראַמע „מיר הייבן אָן דעם 20־טן אויגוסט אין כאַרקאָוו אין טעאַטער ווילאַ זשאַטקינאַ“. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער אַלטער געקומען צו אונדז מיט אַ פאַרטיקן אַפיש פון כאַרקאָוו אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דייטלעך: „מיט דער ערלויבניש פון דער רעגירונג הייבט אָן אין טעאַטער „ווילאַ זשאַטקינאַ“ צו שפילן די **יידישע** טרופּע פון אַברהם פישזאָן און זון“.“

**ווירע זאַסלאַווסקאַ כאַראַקטעריזירט אַזוי פּ. נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען די דערלויבעניש צו שפילן אויף יידיש:**

„דער אַלטער פישזאָן גייט אַרום באַשמחהט. עס איז אים גוט ווי די וועלט. ענדלעך שפּילט מען אויף ריין מאַמע־לשון. מען דאַרף זיך מער ניט ברעכן די צונג, און דער עולם גייט טאַקע בעסער אויף די פאָרשטעלונגען. דערצו שטייט דער אַלטער כסדר אין דרויסן פאַרן טעאַטער, ווייל עס קומט אים אויס זייער זעלטן צו שפּילן. אין פלוג קאָן עס אויסקומען מאָדנע, אַז אַן אַקטיאָר זאָל האָבן מער הנאה פון שטיין אין דרויסן פאַרן טעאַטער ווי שפּילן אויף דער בינע ... די אורזאַך ... דער אַלטער פישזאָן האָט ערשט ניט געדאַרפט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אַלס שוישפּילער. ער איז אַלס אַזעלכער שוין געווען גענוג באַרימט. מער האָט ער ניט געקאָנט דערגרייכן. נאָך אַפּלאָדיסמענטן איז ער ניט געווען זשעדנע, אָבער אַנדערש איז ווען מען שטייט אויף דער בינע און מ׳קריגט דעם אַפּלאָז, און אַנדערש איז ווען מ׳שטייט פּנים אל פּנים מיטן באַזוכער און מ׳קריגט פון אים דעם קאָמפּלימענט. אַזוי ווי דער אַלטער האָט איצט זעלטן געשפּילט, ווייל מישע האָט שוין געשפּילט זיינע קאָמישע ראָלן, פלעגט ער שטיין אין דרויסן, אין פאָיע פון טעאַטער און זיך באַגריסן מיט די מער אָנגעזעענע געסט. ער פלעגט האָבן שטאַרק הנאה צו שפּילן דעם דירעקטאָר, דעם באַלעבאָס, און יעדן קאָמפּלימענט, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר דער טרופּע, האָט ער באַטראַכט ווי אַ פּערזענלעכן קאָמפּלימענט פאַר זיך גופא, איבערהויפּט נאָך גרויס איז געווען זיין פרייד ווען מ׳פלעגט צוגיין צו אים פאַר אָדער בעת דער פאָרשטעלונג, אין מיטן די אַקטן, און אים דאַנקן פאַר מישעס שפּילן. דאָ איז ער גאָר געווען אין זיבעטן הימל. עס איז דאָך זיין „זון“. דער אַלטער וואָלט אפשר שוין אין גאַנצן מוחל געווען אַרויפצוגיין אויף דער בינע, און וואָלט זיך בעסער אויסגעלעבט אין דער נייער „ראָל“ פון אָפּנעמען די קאָמפּלימענטן, אָבער כדי מישע זאָל זיך אַביסל אָפּרוען און ניט שפּילן נאַכט נאָך נאַכט, פלעגט מען אַמאָל שפּילן דעם אַלטן רעפּערטואַר ווי „די באָבע יאַכנע“ און „מישקע און מאָשקע“, און דאָ פלעגט



דער אַלטער ווידער שפּילן זיינע ראָלן אין וועלכע ער האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט“.

**די טרופּע שפּילט צוויי חדשים אין כאַרקאָוו און בעת דער אויפפירונג פון „ביידע קוני לעמעלס“ שפּילן ביידע פישזאָנס צוזאַמען: — מישע — דעם סטודענט מאַקס און אַברהם — קוני לעמעל.**

**די שוישפּילערין ווירע זאַסלאַווסקאַ דערציילט אין אירע זכרונות, אַז שוין נאָכדעם ווי זיי האָבן באַקומען די דערלויבניש צו שפּילן אויף יידיש, זיינען זיי פון כאַרקאָוו געפאָרן קיין קיעוו, און אַזוי ווי דאָרט איז דער נאָמען פון אַלטן פישזאָן געווען זייער פּאָפּולער, האָבן זיי דאָרט אָנגעהויבן די פאָרשטעלונגען מיט אים אין זיין קרוין־ראָל „די באָבע יאַכנע“, אָבער**

„צו דער דריטער פאָרשטעלונג, ווען מיר האָבן געשפּילט די פּיעסע „דער גרינדער אַקטיאָר“, איז אַרום זיבן אַ זייגער אין אָוונט, איבער אַ שעה איידער מיר האָבן געדאַרפט אָנהייבן אונדזער פאָרשטעלונג געקומען אַ פּריסטאַוו מיט אַ פּאַפּיר פון פּאָליציימייסטער, אַז פישזאָן זאָל אונטערשרייבן, אַז די טרופּע פאַרפּליכטעט זיך צו שפּילן אויף דייטש, כאָטש דער פּאָליציימייסטער האָט פריער דערלויבט צו שפּילן אויף יידיש. דערביי האָט דער פּריסטאַוו באַגוערקט, אַז דער פּאָליציימייסטער האָט אים געהייסן זאָגן, אַז קיינער וועט ניט קומען קאָנטראָלירן און מ׳וועט מעגן ווייטער שפּילן אויף יידיש, נאָר דאָס פּאַפּיר דאַרף בלויז אונטערגעשריבן ווערן צוליב פרינציפּיעלע טעמים. מיין מאַן (מישאַ פישזאָן) האָט גענומען דאָס פּאַפּיר און אויפגעשריבן: „מיר ווילן ניט טראָגן קיין מאַסקע. אונדזערע פּיעסן זיינען דערלויבט אויף יידיש און אונדזער טרופּע שפּילט לויט די פּיעסן, וואָס זיינען דערלויבט דורך דער צענזור אין פעטערבורג. די דערלויבניש צו שפּילן אין קיעוו האָבן מיר באַקומען פון היגן גובערנאַטאָר. די אַפישן זיינען אונטערגעשריבן פון היגן פּאָליציימייסטער. אויב איר פאָדערט אַן אונטערשריפט, אַז מיר זאָלן שפּילן אין דער דייטשער שפּראַך, קאָנען מיר אַזאַ אונטערשריפט ניט געבן, ווייל מיר שפּילן אין יידיש. — דירעקציע פישזאָן און זון“.

אָבער דעם אָוונט האָבן מיר שוין ... ניט געשפּילט. דער עולם איז אַוועק פון טעאַטער ווי אָפּגעשמיסן און מיט גרויס פאַרדרוס. אַלע זיינען געווען גערעכט, אַז מיין מאַן האָט ריכטיק געהאַנדלט. צומאָרגנס ... איז דער אַלטער פישזאָן מיט מישאַן אַוועק צום גענעראַל־גובערנאַטאָר סוכאָמלינאָוו און אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע ... (ער) האָט זיך געוווּנדערט ווי אַזוי אַזאַ זאַך קאָן געשען, אָבער איידער ער וועט באַקומען אַ ראַפּאָרט וועגן דעם גאַנצן ענין קאָן ער גאָרניט טאָן ... פון דאָרט זיינען זיי אַוועק צום גובערנאַטאָר, וועלכער האָט גענומען אַ זייער וואַרעמען אינטערעס אין דער גאַנצער זאַך. ער האָט אַפילו געזאָגט, אַז זיי האָבן געהאַנדלט געזעצלעך ... און צוגעזאָגט וועגן דעם גאַנצן ענין צו דאָלאָזשן (באַריכטן) צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט און אָפּגעגעבן אַ זייער גוטן באַריכט, אַזוי, אַז מיט צוויי טעג שפּעטער האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר דערלויבט שפּילן אויף יידיש און מיר האָבן אין קיעוו געשפּילט דעם גאַנצן ווינטערסעזאָן. אַפילו ווען דער ליבעראַלער גובערנאַטאָר איז גראָד אין דער צייט אַוועק פון קיעוו און אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער טרויעריק־באַרימטער טרעפּאָוו“.

**מ. ספּעקטאָר שרייבט:**

„ווי פישזאָן זאָל זיך נאָר באַווייזן, ווערט די סצענע פול מיט לעבן. וואָס ער זאָל ניט שפּילן: אַ זון, אַ שדכן, אַ משרת אָדער אַ

שטאָט בעל־הבית, וועט מען שטענדיק געפינען אין אים אַן עכט באַקאַנטן יידישן טיפּ. דערצו האָט ער נאָך אַ גרויסע מעלה, האָס ניט פיל יידישע אַרטיסטן קאָנען זיך מיט דעם באַרימען — ער רעדט אויף דער סצענע מיט אַן אמת ריין יידיש לשון מיט אַלע יידישע פיטשעווקעלעך, און איך וועל ניט פאַרגרעסערן ווען איך וועל זאָגן, אַז פּישזאָן צווישן די אַרטיסטן אַלס קענער פון יידישן זשאַרגאָן, פאַרנעמט דעם זעלבן פּלאַץ, וואָס שלום־עליכם מיט זיין יידיש צווישן די יידישע ליטעראַטן".

**דער אַקטיאָר און טעאַטער־דירעקטאָר א. קאַמפּאַנעעץ, שרייבט:**

„ער איז געווען גאָלדפאַדנס אַ דירעקטער יורש. נאָך ביים לעבן אַ יורש. ער האָט זיך געקענט מיט גאָלדפאַדענען און מיט די דאַמאָלטיקע יידישע באַוווּסטע שריפטשטעלער, מיט גאָטלאָבער, ליניעצקי א.אַ.

אין ליניעצקיס „ישראליק" האָט ער פאַרעפנטלעכט איניקע לידער. האָט אויך פאַרפאַסט טעאַטער־שטיק, וועלכע האָבן אַבסאָלוט קיין שום ליטעראַרישן און קינסטלערישן ווערט, אָבער פון קולטור־היסטאָרישן און שפּראַכלעכן שטאַנדפּונקט האָבן זיי דאָך איניקער מאָס אַ באַטייטונג. זיי זיינען אָפט געשריבן אין קערנדיקן, זאַפטיקן יידיש אויף וועלכן מ׳רעדט נאָך אין דער היינטיקע אוקראַינע. מ׳קאָן נאָך דאָרט געפינען פאָלקסטימלעכע רעדנסאַרטן און ווענדונגען, וועלכע זיינען שוין אפשר אַרויס פון געברויך.

ער האָט פון די רעשטלעך פון גאָלדפאַדנס אַקטיאָרן צונויפגעשטעלט אַ טרופּע, וועלכע איז געווען די ערשטע באַטייטנדע טרופּע נאָך גאָלדפאַדנס, איז אויך געווען אַ „שולע" פאַר אַלע יונגע אַקטיאָרן. די טרופּע האָט געשפּילט, מ׳קאָן זאָגן, קולטיווירט, אויסשליסלעך גאָלדפאַדנס טעאַטער־שטיק, גאָלדפאַדן איז קיינמאָל ניט אַראָפּ פון רעפּערטואַר.

דערצויגן און געמאַכט די קאַריערע אויף גאָלדפאַדענען, איז ער נאַטירלעך ניט געווען קיין „פריינט" פון אַלע נייע שטימונגען און ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דורכשלאָגן אַ וועג אויף דער יידישער בינע. גאָרדינען האָט ער אַ צייט לאַנג איגנאָרירט. זייענדיק געצוווּנגען דורך די פאַרהעלטענישן און דורך דער קאָנקורענץ פון אַנדערע טרופּעס, האָט ער זיך ביסלעכווייז אונטערגעגעבן".

אין 1903 האָט פּ. אויפגעפירט די פּיעסע „די נאַכט־וואַנדלעריין" [לאַטיינערס „שרה שיינדל פון יעהופּעץ"] וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן „שרה שיינדל פון מאַזעפּעווקע און מנחם־מענדל פון יעהופּעץ", אַ קאָמעדיע אין 4 אַקטן, 6 בילדער מיט געזאַנג און טאַנץ פון שלום־עליכם, איבערזעצט פון פּישזאָן.

[פּ. האָט דערביי אָפּגעטאָן צוויי זאַכן מיט אַמאָל: פון איין זייט האָט ער מיסרעפּרעזענטירט שלום־עליכמס נאָמען ווי דער כלומרשטער מחבר פון אַ מעלאָדראַמע פון שונד־שרייבער יוסף לאַטיינער, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער אַוועקגעשטעלט זיין נאָמען אַלס כלומרשטער איבערזעצער כדי אויסצומיידן צו צאָלן אויטאָר־האָנאָראַר].

**שלום־עליכמס האָט זיך דערפון דערוווּסט און ער האָט פּראָטעסטירט דערויף מיט אַ בריוו אין רעדאַקציע אונטערן נאָמען „אַ פּאָר ווערטער וועגן אידישען טעאַטער":**

„עס איז גרינג זיך פאַרצושטעלן ווי נייגעריק דער פאַרפאַסער שלום־עליכם איז געווען צו זען זיין קאָמעדיע מיטן געזאַנג און מיט די טענץ, וואָס האָט זיך אים קיינמאָל ניט געחלומט אַפילו! וואָס האָט ער געקלערט? אַ קשיא, אפשר האָט דער דראַמאַטורג פּישזאָן געכאַפּט מנחם מענדלען פון דער יעהופּעצער רייזע און האָט געמאַכט פון אים אַ צימעס, אַ מין קאָמעדיע? ווי גרויס איז אָבער געווען זיין וווּנדער, אַז אין דער דאָזיקער קאָמעדיע איז מנחם־מענדל ניט קיין מעקלער פון דער בערזע, נאָר אַ דיין, און שיינע־שיינדל זיין פלונית, וואָס באַגראָבט אים ניין איילן אין דער ערד, איז גאָר אַ יידענע, אַ דיינטע. און זייערע קינדער זיינען גאָר אין אַמעריקע, און מען פּראַוועט דאָ ביים דיין שלוש־סעודות מי מלוה מלכהס, מען עסט, מ׳טרינקט און מען זינגט און מען פּלעסקעט און מען גייט אַ רקודל, — חי געלעבט!

דערהערט אַזאַ חתונה, האָט דער „פאַרפאַסער" שלום־עליכם אָנגעהויבן שרייען: „גוואַלד, ס׳איז ניט מיין קאָמעדיע! וואָס האָט איר געהאַט צו מיר אַרויפשטעלן מיין נאָמען אויף אַ פרעמדן „מה יפית"?, האָט פּישזאָן אַרויסגעוואָרפן דעם נאָמען „שלום־עליכם" און האָט געשטעלט דעם נאָמען „פאַרפאַסט פון מיר פּישזאָן". און יאָרן־לאַנג איז אָט די „פּיעסע" געשפּילט געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד אונטערן נאָמען „שרה שיינדל פון יעהופּעץ".

**מיט 6 יאָר שפּעטער געפינען מיר ווידער שלום־עליכמס אַ בריוו אין רעדאַקציע אונטערן קאָפּ „הפקרות פון אידישען טעאַטער", ווו ער שרייבט וועגן „שרה שיינדל פון יעהופּעץ"."**

**נ. אויסלענדער שרייבט :**

„צווישן די „יידיש־דייטשישע" טרופּעס, וואָס האָבן זיך באַוועגט איבערן לאַנד אין דעם פּעריאָד ביז 1905 איז געווען איינע, וואָס האָט פּרעטענדירט אויף אַ באַזונדערן אָנזען און אַווטאָריטעט. דאָס איז געווען אברהם פּישזאָנס טרופּע.

„איך, אַלס אַנטרעפּעניאָר און 35־יאָריקער פּראַקטיקאַנט אויף דער יידישער בינע ווו איך האָב שוין מיינע ציין אויפגעגעסן און אַלע מיינע קרעפטן דאָרטן אַוועקגעלייגט אי מיט ממים (געלט) אי מיט דמים (בלוט), האָב איך געפּרוּווט אַלע מיטלען אום צו פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן דאָס יידישע טעאַטער" — אָט אַזאַ איז געווען דער שטענדיקער נוסח מיט וועלכן פּישזאָן פלעגט ריידן וועגן זיך, און אויף אַזאַ אופן וועלן באַרעכטיקן זיינע פּרעטענזיעס צו גילטן אַלס וועגווייזער פונם יידישן טעאַטער.

אמת, אַז צו די דאָזיקע רעקלאַמיסטישע רייד פּישזאָנס האָט מען זיך אין דער ייד. טעאַטער־סביבה באַצויגן גאַנץ קריטיש. אברהם פּישזאָן האָט אָבער געהאַט אין זיין רשות אַנדערע מיטלען אויף צו באַגרינדן זיינע פּרעטענזיעס. דאָס ערשטע מיט וואָס פּישזאָן האָט זיך דערשלאָגן אַ געוויסן אָנזען אין דער יידישער אַקטיאָרן־סביבה, דאָס איז די פלינקייט און בריהשאַפט, וואָס ער האָט אַרויסבאַוויזן אין זיינע באַציונגען מיט די פאָרשטייער פון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע. עס האָט זיך גערעכנט, אַז קיינער פון די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן קאָן ניט אַזוי אויסקומען מיט נאַטשאַלסטוואָ ווי פּישזאָן. דאָס, וואָס אַנדערע טעאַטער־דירעקטאָרן איז געווען פאַרבאָטן, האָט מען פּישזאָנען דערלויבט. פאַר אים זיינען געווען אָפן שטעט וווּהין עס האָבן ניט געטאָרט זיך ווייזן קיין שום אַנדערע יידישע טרופּעס. וועגן די מיטלען מיט וועלכע פּישזאָן פלעגט דאָס אַלץ דערגרייכן, האָט ער אַליין דערציילט גאָר ברייטלעך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. דאָ איז אָבער ווייט נאָך אַלץ ניט דערציילט געוואָרן. וועגן איניקע שטאַרק פאַרדעכטיקע פאַרבינדונגען מיט געוויסע פאָרשטייער פון דער זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי, האָט פּישזאָן ניט געהאַלטן פאַר נייטיק צו שרייבן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע. וועגן דעם האָט מען זיך אָבער אָנגעשטויסן אין די דע־

מאַלטיקע אַקטיאָרישע קרייזן ווו מען האָט צוגעזען גרויסע מאַכינאַציעס פון אברהם פישזאָן.

די „אינטימע" פאַרבינדונג מיט נאַטשאַלסטווע איז געווען ניט דאָס איינציקע, וואָס האָט געגעבן פישזאָנען אַזאַ גרויסע מאַכט. עס איז געווען נאָך אַ וויכטיגער פאַקטאָר, די מאַטעריעלע איינגעפונדעוועטקייט פון פישזאָנס טעאַטער־אונטערנעמונג. אויפן פאָן פון די דענואַלטיקע יידישע וואַנדער־טרופּעס, וואָס האָבן געהאַט זייער אַ קלאָגעדיקע מאַטעריעלע באַזע און זייַנען דעריבער שטענדיק געהאנגן אויף אַ האָר, האָט פישזאָנס טרופּע זיך געקאָנט איבערנעמען שוין מיט אַ געוויסער סאָלידקייט. געבויט אויף יסודות פון משפחהדיקייט (אין דער טרופּע האָבן די הויפּט־ראָלן געשפּילט פישזאָן און זיינע קרובים: זיין פרוי בראַגינסקאַיאַ, זיין זון מישע פישזאָן, (זיין פרוי ווערא זאַסלאַווסקאַ) זיין איידעם אַרקאָ א. א. וו), האָט פישזאָנס טרופּע פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ שטאַנדהאַפטקייט, וועלכע עס האָט ניט געהאַט קיינע פון די איבריקע וואַנדער־טרופּעס. אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער משפּחהדיק־קרובישע פאַרבינדונגען צווישן איין טייל פון דער טרופּע, האָט פישזאָן געהאַט אַ מעגלעכקייט אַריינצוציען אין דער טרופּע „זייטיקע" מיטגלידער בלויז אויף די באַדינגונגען, וואָס אים האָט געלוינט, און באַדינגונגען זייַנען דאָס געווען גאָר האַרבע. פישזאָן האָט נאָך צום אָנהייב פון זיין טעטיקייט באַקומען אין די אַקטיאָרישע קרייזן אַ פאַרדינטן שם פון אַ געוויסנלאָזן עקספּלאָאַטאַטאָר, דאָס מערקווירדיקסטע איז באַשטאַנען דערין, וואָס די דאָזיקע עקספּלאָאַטאָרישע מעטאָדן זיינע האָט פישזאָן אַפילו ניט געפרוווט צו פאַרדעקן און פאַרשלייערן. אין פישזאָנס געשטאַלט האָט מער פאַר אַלץ זיך געוואָרפן אין די אויגן דער אָפענער ציניזם פון אַ געשעפטסמאַכער, וואָס וועט אויף זיין וועג זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום ווטערונגען. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט נאָר, אַזוי צו זאָגן, אינס אינערלעכן לעבן פון פישזאָנס טרופּע, נאָר אויך אין אירע באַציונגען צום אַרום. פישזאָן האָט געהאַט זיין באַגריף וועגן „געזעלשאַפטלעכקייט", זיינע מעטאָדן צו שאַפן אַרום זיין טרופּע עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל גילטן ווי אַ געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער, און אין דעם אַלעמען איז געווען דער זעלבער אָפענער געשעפטסמאַכעו־ישער צוגאַנג ווי אין דער באַציונג מיט זיינע אַקטיאָרן. דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס ערב 1905, ווען אַרום דעם יידישן טעאַטער הייבן זיך אָן שאַפן מער ווייניקער נאָרמאַלע פאַרהעלטנישן, הייבט מען אָן אַזוי אָפט און ליידנשאַפטלעך צו קריטיקירן די פּראַקטיק פון פישזאָנס טעאַטראַלער טעטיקייט. אַזוי לייענען מיר, למשל, אין אַ טעאַטער־אָפּהאַנדלונג פון 1904 („דער פריינד"):

„ביז מיט אַ צייט צוריק האָבן זיך די יידישע דירעקטאָרן און שוישפּילע־ ליידער ווייניק וואָס געקימערט. ס'רוב זייַנען זיי אַליין געווען אומגעבילדעטע און אומוויסנדע מענטשן און האָבן געקוקט אויף דעם פאַך אַלס אַ געשעפט. ניט זיי האָבן פאַרשטאַנען וואָס „קונסט" הייסט, ניט זיי האָבן געוווּסט וואָס מען פאַרלאַנגט פון דעם סצענע. אָט איז, למשל, ה' פישזאָן, וועלכער פאָרט אַרום מיט אַ טרופּע אין רוסלאַנד און האָט שוין אין לאָדז אויך א־יניקע מאָל געשפּילט. אַ באַקאַנטער יידישער דירעקטאָר און שוישפּילער פון דער אַלטער שקאָלע. ער האָט געהאַט אַ כלל, אַז מיטן פּראָסטן עולם דאַרף מען קיין גרויסע שהיות ניט מאַכן. „נישטקשה — פלעגט ער זאָגן — וואָס ער גיט דעם המון, וועט ער פאַרדיינען. ער האָט אַ געזונטן מאָגן". און מהאי טעמא [צוליב דעם] פלעגט ער טאַקע די מאַסע האָדעווען מיט אַ „שמענדעריק", „באָבע יאַכנע" וכדומה נאָך אַזעלכע אַנטיקלעך, וועלכע פלעגן ביי אים קיינמאָל פון דער סצענע ניט אַראָפּ. טאָמער אָבער האָט זיך דעם פובליקום צוגעגעסן איינס און דאָס זעלביקע און מען האָט פאַרלאַנגט עפּעס פרישעס, נייעס פלעגט ביים ה' פישזאָן איבערנאַכט באַשאַפן ווער,



אַ ניי ווערק. דערויף איז ער געווען אַ גרויסער בריה. ער פלעגט נעמען אַן אַלט שטיק, איבערניצעווען עס און אַרויסגעבן עס פאַר אַ שפּאָגל נייעס, און דערצו נאָך פאַר זיינס אַן אייגנס, אָדער ווען עס האָט אים געפּאַסט — אַמאָל פאַר שלום־עליכמס (מיט יידישע מחברים פלעגט ער זיך אויך ניט שטאַרק צערעמאָנירן). פאַר קריטיק האָט פישזאָן קיין מורא ניט געהאַט. די אינטעליגענטן זייַנען פון דערווייטן און מיט דער 'בלינדער" מאַסע איז ער שוין פאַרטיק געוואָרן".

קיין שום איבערטרייבונג איז אין די דאָזיקע שורות ניט געווען. נאָך מער, צו אברהם פישזאָנס ספּעציפישער טעטיקייט אַלס טעאַטער־דירעקטאָר איז צוגעקומען נאָך די ניט ווייניקער ספּעציפישע טעטיקייט זיינע אַלס אַקטיאָר. אברהם פישזאָן האָט ביז זיין באַטרעטן די בינע געהערט צו יענער גרויסער מחנה בדחנים, שענקזינגער און כל ערליי פריילעכמאַכערס, וואָס האָבן פון זיך אַרויסגערוקט די באַרימטע „בראָדערזינגער". ווי באַוווּסט האָט גאָלדפאַדן גאַנץ ברייט אויסגענוצט די „בראָדערזינגער" פאַר דער אויפבויונג פונם יידישן טעאַטער. אָבער אויסנוצן די „בראָדערזינגער" פאַר דער אויפבויונג פון אַ טעאַטער האָט געהייסן נאָר אויפטניי זיי איבערדערציען. גאָלדפאַדן האָט אויף דער דאָזיקער איבערדערציונגס־אַרבעט אַוועקגעלייגט ניט ווייניק מי ... נאָר אין אַן אַנדער ריכטונג איז געגאַנגען אברהם פישזאָנס טעטיקייט. אברהם פישזאָן איז אין זיין אָנהייב־צייט געווען, ווי מען גיט איבער, אַ „ברית־זינגער". דאָס איז געווען דער סאַמע פינסטערער, סאַמע פאַרדאַרבענער טיפּ פריילעכמאַכער, וואָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט די כלי־קודש־לייט און איז געווען גרייט אַליין אויך באַטראַכטן פאַר אַ שטיקל כלי־קודש. דאָס לאָזט זיך זען אַפילו אין דעם נישטיקן ביכל בדחנישע לידער, וואָס אברהם פישזאָן האָט אָפּגעדרוקט אין די אָנהייב־יאָרן פון זיין טעטיקייט. צום אונטערשייד פון אַנדערע בדחנים, וואָס האָבן געפרוווט באַהאַנדלען געוויסע סאָציאַלע מאָטיוון, האָט אַברהם פישזאָן געשטעלט איבער זיין ביכל אַן אויבערטיטל: „הערט, יידן, ווי איך זינג מיין כל מקדש", און אין אַזאַ מין חזנישן נוסח איז טאַקע געווען אויסגעהאַלטן דאָס גאַנצע ביכל זיינס. פון סאָציאַלע מאָטיוון האָט אברהם פישזאָן געוויכט. דערפאַר אָבער האָט ער אָנגעשטאָפּט זיינע נישטיקע לידער מיט כלערליי „שטיקלעך" פונם קלויז־רעפּערטואַר און דערמיט געוואָלט אויסנעמען אין די באַלעבאַטישע קרייזן. עס איז כלל קיין צופאַל ניט, וואָס אברהם פישזאָן האָט געהאַט אַ טבע, קומנדיק מיט זיין טרופּע אין עפּעס אַ שטאָט, באַשטעלן צו שרייבן פאַר זיך אַ „ספר תורה" כדי אויף אַזאַ אופן זיך צושאַרן צו די אָרטיקע כלי־קודש.

פישזאָן האָט אַפילו אין זיין אַקטיאָרישער שפּיל ניט געוואָלט איינרייסן מיט דער בית־מדרש־סביבה. כאָטש די ראָלן, וואָס ער האָט געהאַט אויסצופירן אויף דער בינע, האָבן געהאַט מערסטנטיילס אַ דורכויס וועלטלעכן כאַראַקטער, האָט אברהם פישזאָן זיך געקליגט אויך אין די דאָזיקע ראָלן אַריינפירן אַ געוויסן קלעריקאַלן טאָן, און געטאָן האָט ער עס אַמאָל מיט דער הילף פון די געוויסע „שטיקלעך" פונם חזנישן רעפּערטואַר און אַמאָל מיט דער הילף פון די ספּעציפישע קאָמישע טריוקן פון אַ קלויזניק, אַ דרייקאָפּ. אין דער זעלבער ריכטונג האָט ער געפרוווט שטויסן אויך דעם שטאַרקן טאַלענט פון זיין זון מישע פישזאָן, אָבער ניט אַלע מאָל איז עס אים געלונגען ... די פישזאָנס — סיי דער אַלטער סיי דער יונגער — האָבן קיינמאָל ניט געזוכט דעם וועג אויף אָפּצושליסן זיך, אין די נייע שעפערישע פּראָצעסן אין דער פאָלקסקונסט, און אָט פון דאַנען נעמט זיך עס די ספּעציפישע אייגנשאַפט פון דער גאַנצער פישזאָן־טרופּע.

ווי ווייניק עס זיינען ניט געווען באַרעכטיקט אברהם פישזאָנס פּרעטענזיעס צו גילטן אַלס וועגווייזער פון דעם יידישן טעאַטער, אַ פאַקט איז עס דאָך, אַז אַ באַשטימטע ווירקונג אויף דער טעאַטראַלער סביבה האָט ער אין משך פון איניקע יאָר געהאַט. דאָס איז געווען סוף 90־ער יאָרן, די סאַמע פינסטערטע צייט אין דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער אינם צאַרישן רוסלאַנד. עס האָט געווילדעוועט דער טעאַטער־פאַרבאָט, דער באָדן פאַר דער עקזיסטענץ פינם יידישן טעאַטער איז געווען ביז לעצט אונטערגעריסן. איבערן לאַנד האָבן זיך באַוועגט געציילטע עטלעכע טרופּעס, וואָס האָבן קוים־קוים געזשיפּעט, פון טאָג צו טאָג געביטן זייער באַשטאַנד, צעפאַלנדיק און אויפשטעלנדיק זיך ווידער. אין אַזאַ צייט האָט אין די יידישע אַקטיאָרישע קרייזן נאַטירלעך געמוזט אַרויסרופן אַ געוויסן אָפּשיי דאָס געשטאַלט פון אברהם פישזאָנען, וואָס האָט מיט אַ „פעסטער האַנט" געפירט זיין טעאַטער־אונטערנעמונג, געשאַפן פאַר זיין טרופּע אַ גאַנץ זיכערן מאַטעריעלן באָדן און האָט באַוויזן איינצושטיין אונטער די שווערסטע קלעפּ פון דער צאַרישער פאַרבאָט־פּאָליטיק. מ'האָט ביי פישזאָנען אָנגעהויבן זיך לערנען ווי אַזוי מען דאַרף קאָמפּלעטירן אַ טרופּע, ווי אַזוי מ'דאַרף אָנפירן מיט אַ טרופּע ... דער מוסטער פון פישזאָנס טרופּע איז, קאָן מען זאָגן, געשטאַנען פאַר די אויגן ביי יעטוועדן איינעם פון די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן סוף 90־ער יאָרן. עס לוינט דעריבער אַ ביסל נענטער זיך צוקוקן צו דעם דאָזיקן מוסטער.

פישזאָנס טרופּע האָט מיט קיין „גוטער פּרעסע" קיינמאָל ניט געקאָנט זיך באַרימען. דער שאַרף־קריטישער טאָן מיט וועלכן ס'איז דורכגעדרונגען די אויבן־ציטירטע קאָרעספּאָנדענץ פון לאָדז לאָזט זיך הערן כמעט אין אַלע רעצענזיעס וועגן פישזאָנס טרופּע ווו און ווען זי זאָל ניט האָבן געשפּילט. אין יאָר 1904 ווען פישזאָנס טרופּע קומט קיין קאַטערינאָסלאַוו, שרייבט די אָרטיקע ליבעראַלע צייטונג („פּרידניעפּראָווסקי קריי"):

**פונקט אויף אַזאַ אופן נעמט אויף פישזאָנס טרופּע אויך די מערהייט פון די אָדעסער צייטונגען. אין יאָר 1903 ווען פישזאָן** קומט קיין אָדעס, שרייבט מען [**„יוזשנאַיאַ אָבאָזרעניע"**]:

„אָט אַזאַ אַרט אָפּשאַצונג האָט פישזאָנס טרופּע באַקומען גאָר אָפט, כמעט אין יעדער שטאָט, די פּרעסע האָט ניט געקאָנט פאַרשווייגן דעם פאַקט, אַז אין פישזאָנס טעאַטראַלער טעטיקייט שטויסט מען זיך אָן אויף דערשיינונגען פון דער סאַמע ווילדער קולטורלאָזיקייט, אַז די געשעפטמאַכערישע כוונות פון דעם טעאַטער־דירעקטאָר זעצן אַראָפּ צום סאַמע נידריקסטן ניוואָ די אַרבעט פון דער גאַנצער טרופּע. דאָס איינציקע, וואָס די פּרעסע האָט פאַרצייכנט מיט באַפרידיקונג — דאָס איז דעם גוטן קאָמיקער־באַשטאַנד אין פישזאָנס טרופּע. געהאַנדלט האָט זיך דערביי ניט בלויז וועגן די צוויי פישזאָנס — דעם פאָטער און דעם זון — וואָס זיינען לויט זייער אַמפּלואַ געווען קאָמיקער. פישזאָן פלעגט צוציען אין זיין טרופּע אויך אַנדערע קאָמיקער. די זאָרג וועגן קאָמיקער־באַשטאַנד, דאָס איז בכלל געווען די איינציקע זאָרג פישזאָנס ביים קאָמפּלעקטירן די טרופּע, און דאָס האָט געשטימט מיט זיין גאַנצן צוגאַנג צום טעאַטער־וועזן, וואָרעם בלויז אויף אַזאַ אופן — דורך דעם קאָמישן טריוק — האָט פישזאָן געגלייבט צו געווינען די סימפּאַטיע פונם פּובליקום. דאָס קאָמישע, דאָס איז געווען, לויט



פישזאָנס באַגריפן, דער איינציקער געביט ווו דער אַקטיאָר און דער צושויער קאָנען געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

אויב עמעץ־ווער, חוץ דעם קאָמיקער, האָט, לויט פישזאָנס באַגריפן, נאָך פאַרדינט אַ געוויסע אויפמערקזאַמקייט, איז עס דער זינגער. קיין „אייגענעם" זינגער חוץ זיין משפּחה־באַשטאַנד האָט פישזאָן ניט געהאַט, (פאַר פרויען־געזאַנג איז יאָ געווען די „אייגענע" — זאַסלאַווסקי) פלעגט ער געווינלעך איינלאַדן זינגער פון דער זייט, אַמאָל דעם אויבנדערמאָנטן זינגער ריבאַלסקי, אַמאָל דעם יונגען זינגער סיעראַצקי, מער ווי אין זינגער האָט פישזאָן זעלטן ווען געהאַלטן פאַר נייטיק צו האָבן אין דער טרופּע, אָבער דעם דאָזיקן איינציקן זינגער איז ער גרייט געווען צו שטעלן אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע, געזאָרגט וועגן דעם, אַז דער זינגער זאָל האָבן אַ נישטקשהדיקע אָרקעסטער־באַגלייטונג און אויך אַ כאָר, וואָס איז גאַנץ אָפט געווען גאָרניט שלעכט קאָמפּלעקטירט ביי פישזאָנען.

טיילנדיק זיין אויפמערזאַמקייט צווישן דעם קאָמיקער און דעם זינגער, האָט פישזאָן שוין גאָר ווייניק אַכט געלייגט אויף די אַקטיאָרן פון אַן אַנדער אַמפּלואַ. „די טראַגיקער זיינען שוידערלעכע" — שרייבט וועגן פישזאָנס טרופּע דער קאַטערינאָסלאַווער רעצענזענט. דאָס זעלבע קאָן מען הערן אויך פון אַנדערע רעצענזענטן. „שוידערלעכקייט" איז געווען באַזונדערס גרויס דערפאַר, ווייל פאַר די „טראַגישע" ראָלן האָט זיך גענומען ווער עס האָט נאָר געוואָלט.

ס'איז געווען כלל ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַזעלכע ראָלן זאָלן באַקומען אַקטיאָרן, וואָס זיינען פון לאַנג אָן געווען באַוווּסט אַלס קאָמיקער. אין די ערשטע יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן ספּעציאַליזירן אַלס „טראַגיקער" אַ פריש־צוגעקומענער מיטגליד פון פישזאָנס משפּחה — דער אַקטיאָר אַרקאָ. פישזאָן פלעגט צוזען ווי דער איידעם זיינער טרעט אַרויס מיט ז׳ורנדיקע מאָנאָלאָגן, ווי עו· „רייסט קוליסן" אין פאַרשיידענע מעלאָדראַמאַטישע ראָלן, אָבער קיין שום אַקטיוון אינטערעס האָט עס ביי פישזאָנען ניט אַרויסגערופן, ווייל אין גרונט גענומען, האָט ישזאָן יעטוועדן מין אַקטיאָר, אויסער דעם קאָמיקער, באַטראַכט ווי אַ שטיפקינד ביי זיך אין דער טרופּע, און לויט דעם דאָזיקן מוסטער, האָבן עס געפּלייסט זיך צו פאָרמירן זייערע טרופּעס אויך אַלע איבריקע (יידישע) טעאַטער־דירעקטאָרן פון יענער צייט."

**זלמן זילבערצווייג באַמערקט:**

„אברהם פישזאָן האָט שטאַרק געוואָלט ג׳לטן ניט ווי סתם נאָך אַ דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער, און ניט נאָר ווי אַ **דירעקטאָר** און **אַקטיאָר** פון יידישן טעאַטער, נאָר ממש ווי דער **גרינדער** פון יידישן טעאַטער. הגם עס איז היסטאָריש פעסטגעשטעלט, אַז אברהם גאָלדפאַדן איז באמת געווען דער גרינדער פון מאָדערנעם, סטאַבילן, יידישן טעאַטער, האָט פ. אויף זיינע בריוו־בויגן געדרוקט, אויף רוסיש, נעבן זיין נאָמען דעם טיטל „גרינדער פון יידישן טעאַטער", ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין זיינע זכרונות שרייבט ער („לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", ערשטער באַנד, ז. 280), אַז בעת גאָלדפאַדן האָט באַזוכט רוסלאַנד צו שאַפן אַבאָנענטן פאַר זיין בלאַט „ישראליק", האָט ער אין זשיטאָמיר זיך געטראָפן מיט אים און דעם אַקטיאָרן גראַדנער, וועלכע האָבן דאָרט געגעבן „יידישע קאָנצערטן און גאָלדפאַדן האָט אים געגעבן זיין פעליעטאָן(?!) „די מומע סאָסיע", וועלכן ער האָט באַלד דערויף אויפגעפירט אַלס פּיעסע. גאָלדפאַדן זאָל זיין געווען אַזוי דערפרייט זעענדיק שפּילן די קאָ־

מעדיע, אַז ער האָט באַלד דערויף אים געגעבן נאָך אַ פּיעסע אין דריי אַקטן „אין דער ראָטע" („די רעקרוטן"?).

די כונה פון פ. איז דערמיט צו קריגן די בכורה־רעכט ווי דער גרינדער פון יידישן טעאַטער, וואָרעם דאָס דאַרף זיין פאַרגעקומען נאָך איידער גאָלדפאַדן האָט געשאַפן דאָס יידישע טעאַטער אין יאַסי. אָבער קיין איינע פון די אָנגעגעבענע פאַקטן שטימען ניט. ערשטנס, איז „די מומע סאָסיע" לכתחילה געשריבן געוואָרן פון גאָלדפאַדענען אין אַ סצענישער פאָרם. צווייטנס, האָט גאָלדפאַדן ערשט אָנגעשריבן „די רעקרוטן" אַ סך שפּעטער, און, דריטנס, דערציילט גאָלדפאַדן אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט גראָדנערן דאָס **ערשטע מאָל** געטראָפן אין רומעניע, ניט אין זשיטאָמיר.

פ. האָט אויך געהאַט אַ טבע אָנצוגעבן זיין נאָמען ווי דער מחבר אָדער איבערזעצער פון אַ טייל רעפּערטואַר, כאָטש דער מחבר האָט געשריבן די פּיעסע אין יידיש, וואָס ער האָט געשפּילט. ביי טייל פּיעסן האָט ער בלויז געענדערט דעם נאָמען פון מחבר, לאָקאַליזירנדיק דעם נאָמען פון דער פּיעסע כדי צו מאַכן אים פּאָפּולערער און מער אָנציענדער ביי די לאָקאַלע באַזוכער. אין טייל פּיעסן האָט ער געמאַכט קליינע ענדערונגען און אָנגעגעבן זיך אַלס איבערזעצער אָדער באַאַרבעטער און אַרויפגעשטעלט אויף זיי אַלס מחברים אויסטערגעווייגלעך פּאָפּולערע נעמען פון שרייבער (ווי למשל שלום־עליכם, אָדער „דאָס פּוילישע יינגל", דער פּאָפּולערער נאָמען פון לינעצקיס ראָמאַן מיט דעם נאָמען). דאָס האָט ער געטאָן, קענטיק, צאַרישן רוסלאַנד האָט אין פּעטערבורג עקזיסטירט אַ „געזעלשאַפט פון רוסישע דראַמאַטישע און מוזיקאַלישע שרייפטשטעלער", צו וועלכער עס האָבן באַלאַנגט פּיעסן — שרייבער, איבערזעצער און קאָמפּאָזיטאָרן. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט געהאַט אין אַלע שטעט, וווּ מ'פּלעגט שפּילן טעאַטער אין וועלכער עס איז שפּראַך, אירע אַגענטן־פאָרשטייער, העמען מ'פּלעגט דאַרפן צושטעלן די אַפישן פון די געשפּילטע פּיעסן און צאָלן די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט אַ ספּעציעלן האָנאָראַר פאַר יעדער אויפפירונג. כדי אויסצומיידן צו צאָלן דעם דאָזיקן האָנאָראַר, האָט פּישזאָן, דורך אַ קונץ, זיך אויך פאַרשריבן אַלס מחבר און דערביי פאַררופן זיין נאָמען אויף אַ גרויסן טייל פון זיין רעפּערטואַר, איבערדרייענדיק די נעמען אָדער אָנגעבן זיך אַלס איבערזעצער".

**קיפּניס דערציילט אויך וועגן זיינעם אַן אינצידענט מיט פ.:**

„מיט אַ יאָר 16 צוריק (1906) אַז ער איז צוגעטראָטן אַלס שותף צו קאַמינסקין און שפּעלבערגן און געשפּילט אין „זשאַרדען ד'היווער" אויף כמיעלנאַ גאַס, האָט מען אויפגעפירט עפּעס אַ ניי שטיק, און די לבנה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון אַ ליכט אַריינגעשטעקט אין אַן איבערגעצויגענע זיפּ, האָט זיך אויף דער פּרעמיערע נישט גערוקט ווי עס דאַרף צו זיין, נאָר איבערגעשפּרונגען אויפן הימל אַרשינענווייז ... און איך האָב דער לבנה געווידמעט אַ נאָטיץ אין ציַיטונג, אויפן צווייטן טאָג קום איך אין טעאַטער, באַגעגנט מיך דער הויכער און ברייטער פּישזאָן מיט דער שטענדיק ווייסער וועסט בזה הלשון.

— ווער זענט איר, אַ קריטיקער? האַ, איך הייס אַברהם פּישזאָן. איך בין אַליין קריטיקער, פּראָפעסער, רעדאַקטאָר, רעצענזענט, אַרטיסט, אַקטיאָר, רב, חזן, שוחט, מוהל, פּריעה, מציצה, און וואָס איר ווילט אַליין! אַרויס פון טעאַטער!

אָנהויב (ערשטע וועלט־)מלחמה איז פּישזאָן געווען אין וואַרשע. האָט ער מיר געוויזן זיינע טעאַטער־מעמואַרן, וועלכע ער האָט גע־



וואָלט דרוקן אין דער היגער פּרעסע. ער איז דאַמאָלס נישט געווען דער פּישזאָן וואָס פריער.

געווען איז ער איינער פון די אינטערעסאַנטע אַלטע אַקטיאָרן, דער אמתער זיידע פון איצטיקן יידישן טעאַטער".

**דר. א מוקדוני, אין זיינע זכרונות, כאַראַקטעריזירט אַזוי פ.:**

„די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס איך האָב געזען, (1909) איז געווען אַ ווילדע מעלאָדראַמע מיט מוראַדיקן יאָמער, מיט פריילעכע לידלעך און מיט משונהדיקן קאָמיזם, איך האָב דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס איז מיר געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. איך האָב זיך פּשוט ניט געקאָנט אָריענטירן, וואָס דאָ קומט פאָר. איטלעכעס וואָרט איז מיר געווען פרעמד, יעדע באַוועגונג פון די שוישפּילער איז מיר אויסגעקומען ממש ווילד. היינט די פאַרשמירטע, צעריסענע און זיך־וויגנדיקע דעקאָראַציעס. דאָס מעבל, די באַלייכטונג און די קאָסטיומען — אין די ערגסטע אייראָפּעישע הינטערגעסל־טעאַטערס האָב איך אַזוינס ניט געזען.

... איך בין אַרויס פון טעאַטער אַ דערשלאָגענער. די פּיעסע, דאָס שפּילן און דאָס פּובליקום, דערהויפּט דאָס פּובליקום, האָט אויף מיר געמאַכט דעם שווידערלעכסטן איינדרוק ... איך בין ארויס פון טעאַטער אין אַזאַ געדריקטער שטימונג, אַז איך האָב זיך בשום אופן ניט געקאָנט נעמען פאַרן שרייבן די רעצענזיע, וועלכע איך האָב צוגעזאָגט ברענגען ... איך האָב אין דערפרי פאָרט אָנגעשריבן דעם, וואָס איך האָב געפילט און איבערגעלעבט, אָבער עפּעס פון מיין שווערן געמיט האָט זיך פאָרט אָפּגעשפּיגלט.

... איך קום אַריין אויף מאָרגן אין רעדאַקציע, באַגעגנט מיך (דער אַרויסגעבער ש.) האָכבערג אַ ביסל פאַרלעגן: — איר זענט געקומען פּונקט ווען מען דאַרף אייך. אברהם פּישזאָן איז דאָ מיט טענות צו אייער קריטיק. ער האָט שוין מיר פאַרקלאָגט דעם קאָפּ. גייט, טענהט איר זיך אויס מיט אים.

און באַלד וואַקסט אויס פאַר מיר דער אַלטער פּישזאָן אַליין. ער באַטראַכט מיך שטרענג און זאָגט:

—דאָס זענט איר דער נייער, בייזער קריטיקער אויף אונדזער קאָפּ?.

"איך זע פאַר זיך אַ טיפּיש אַקטיאָריש פּנים: איך האָב ליב די עכטע אַקטיאָרישע פּנימער און מיר ווערט אַ ביסל לייכטער.

פּישזאָן האָט אויסגעזען מער ווי אַ דירעקטאָר פון אַ צירק. עפּעס ווי איינער פון יענע גוטע צירק־דירעקטאָרן, וועלכע זיינען גוטע פעטערס פון די קלאָונס, פון די יונגע רייטערינס און פון די אומגליקלעכע אַקראָבאַטן. עס האָבן געבליצט אויף אים בריליאַנטן אויף די פינגער, אין קראַוואַט. עס האָבן געקלימפּערט גאָלדענע קייטלעך, בערלאָקן, סוווערניר־טעפּעלעך, שפּאַנקעס, שפּילקעס און סיגאַרעטן־פּושקעלעך. ביי יעדער באַוועגונג זיינער האָט זיך געהערט אַ שטילע קלינגעריי פון די טוצן גאָלדענע טאָוועלעך, בערלאָקן און אַנדערע צאַצקעס.

דאָס אַקטיאָרישע געזיכט זיינס איז שוין געווען אַלט און אָפּגעטראָגן — דאָס טיפּישע פּנים פון אַלטע אַקטיאָרן, אָבער דאָס אַקטיאָרישע פּנים, וואָס סיוועט עלטער. ווערט עס אַלץ באַוועגלעכער און זיין מימיק אַלץ שאַרפער. די אויגן אויסגעלאָשענע, פייכטע, אָבער נאָך גענוג באַוועגלעכע. געווען שוין טיפע קנייטשן ארום מויל און אַרום די אויגן, אָבער אויף זיין אַקטיאָרישן פּנים האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ גוטער גרים. ער איז געווען הויך.גע־

וואַקסן און האָט זיך געהאַלטן אַקטיאָריש, ד׳ה, ניט־געבויגן זיך פאַר דער אַלטקייט. גערעדט האָט ער האַלב רוסיש און האַלב יידיש. די כעסדיקע ווערטער כסדר אויף רוסיש, די שלום־ווערטער כסדר אויף יידיש. זיין רוסיש איז געווען דער אַקטיאָריש־ווולגאַרער, דערצו מיט פעלערן, אָבער קערנדיק. זיין יידיש איז געווען זאַפטיק, געשמאַק און גאָרניט דער ערך נאַטירלעכער פון זיין רוסיש.

אַקטיאָרן קאָנען זיין בייז בלויז אַ מאָמענט. האָט ער נאָך די עושטע צאָרנדיקע ווערטער אָנגעהויבן ריידן ווייכער. ער איז צופרידן צו באַקענען זיך מיט אַ רעצענזענט, וואָס האָט שאַרפע ציין. מען זעט, אַז דאָס שרייבט ניט קיין „כניאַק". עס זעט אויס, אַז איך האָב געשריבן וועגן טעאַטער ביי גויים, דאַרף איך וויסן, אַז ביי יידן טאָר מען אַזוי ניט שרייבן דאָס יידישע טעאַטער איז געבוירן געוואָרן אַ ממזרל. מען האָט אים אונטערגעוואָרפן דעם יידישן פאָלק, און ער, אברהם פישזאָן, האָט אים אונטערגעקליבן, וואָרעם ווי איך זע אים אָן — איז ער דער טאַטע פון דעם יידישן טעאַטער. ביי אים האָט ער געפּאַקט, געמוזלט און פיל מאָל געהאַלטן ביים אָפּגעבן זיין נשמה דעם גרויסן, אַלמעכטיקן גאָט. „איר האָט ביי מיר געזען אַ מעלאָדראַמע, אָבער איר קאָנט ביי מיר זען די גרעסטע קלאַסישע פּיעסן. פישזאָנס טעאַטער איז אַ קלאַסישער, וואָרעם, ווי איר זעט מיך, האָבן זיך די אַלע קאַליקעס פון אַלע יידישע טעאַטערס, געלערנט ביי מיר. בשעת יידיש טעאַטער איז געווען אַפּרבאָטן, און אַלע זיינען זיך צעלאָפן ווי מייז אין העקס און געשפּילט „כינקע־פינקע" אויף דייטש אין שטעטלעך, האָב איך געשפּילט אין גרויסע שטעט, אין גרויסע טעאַטערס, וואָרעם וויזוט מיר אין רוסלאַנד אַ גובערנאַטאָר אָדער אַ פּאָליצמייסטער וועלכער זאָל אָפּזאָגן פישזאָנען ווען ער בעט אַ דערלויבניש."

און דאָ פאַרגעסט פישזאָן זיינע טענות צו מיר און הייבט אָן צו דערציילן מעשיות ווי אַזוי ער האָט באַקומען אַ דערלויבניש ביי דעם און יענעם גובערנאַטאָר, ביי דעם און ביי יענעם פּאָליציימייסטער. ער דערציילט מיט געשמאַק, מיט גוטן אַקטיאָרן הומאָר. ער שפּילט, מאַכט נאָך די שטים פון יעדן גובערנאַטאָר און זיין אייגענע נעבעכדיקע שטים און זיין געמאַכטע אונטערטעניקייט. גרעטער אַקטיאָרישער אָפּטימיזם און מונטערקייט שפּריצט פון זיינע דערציילונגען.

צום סוף פאַרגעסט ער אַלע טענות צו מיר, ווערט מיט מיר גאָר באַפריינדט און באַשווערט שוין מיך ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, אַז איך מוז קומען זען ביי אים „כאַסיע די יתומה". איך וועל זען אַ כאַסיע ווי זיין זאַסלאַווסקאַ גיט אַ שפּיל אָפּ און אַ וולאַדימיר ווי זיין מישע גיט אַ שילדער־אָפּ, און אויב איך וועל זאָגן, אַז זי איז ניט די גרעסטע כאַסיע און ער דער גרעסטער וולאַדימיר, איז ער פישזאָן, ניט פישזאָן, און ער וועט מיר נאָך געבן די געלעגנהייט צו זען אים אַליין אין דער באָבע יאַכנע. ער שפּילט שוין ניט, ניטאָ קיין צייט. מען דאַרף אַרויסרייסן דערלויבנישן ביי דער פּאָליציי, אבער ער האָט זיין בענעפיס און עס איז שוין אַ מנהג ביי אים אַרויסצוטרעטן אין דער באָבע יאַכנע.

ער האָט זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט, איז אַוועק און האָט געלאָזט נאָך זיך עפּעס אַ שטיק גוטע, כאָטש זייער נאַיווע טעאַטער־אַטמאָספערע.



[דר. מוקדוני באַזוכט די פאַרשטעלונג פון „כאסיע די יתומה"]

אין די אַנטראַקטן האָט מיך אויפגעזוכט דער אַלטער פישזאָן און מיטן שאַרפן שפּירנאָז פון אַן אַקטיאָר, וואָס דערשפּירט די שטימונג פון אַ קריטיקער פאַר צען מייל, האָט ער דערשפּירט, אַז די אויפפירונג האָט אויף מיר געמאַכט אַ בעסערן איינדרוק. דער אַלטער אַקטיאָר האָט געשיינט ממש פון גדולה. עס איז געווען די פרייד פון אַ דירעקטאָר און דאָס גליק פון אַ פאָטער, וואָס האָט נחת פון זיין געראָטענער פאַמיליע וואָרעם די אַלע הויפּטשפּילער פון א. פישזאָנס טרופּע זיינען געווען די מיטגלידער פון זיין טרופּע. די טרופּע איז געווען פישזאָנס משפחה . . . איך האָב זיך באַקענט מיט די מיטגלידער פון פישזאָנס טרופּע. אַלע טיפּישע אַקטיאָרן, זאָרגלאָזע וואַנדערער ווי דער פּאַטריאַרך אברהם פישזאָן אַליין. גערעדט האָבן אַלע מיט מיר רוסיש און מיט דער טיפּיש־אַקטיאָרישער פריינטלעכקייט ווען זיי ריידן מיט אַ קריטיקער. דער אַלטער פישזאָן אַליין האָט שוין דעמאָלט ניט געשפּילט. אין יענע שווערע צייטן האָט יעדער (יידישער) טעאַטער געדאַרפט האָבן אַ באַזונדער פלינקן און בריהשן מענטשן צו „נעמען שטעט", ד׳ה באַקומען דערלויבנישן פון יעדער אָרטיקער מאַכט צו שפּילן יידיש טעאַטער און צו באַזאָרגן די טרופּע מיט צענזורירטע עקזעמפּליאָרן, דאָס איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט; מען האָט באַדאַרפט קאָנען צוקומען צו די העכסטע טשינאָווניקעס, ריידן מיט זיי און פאַררייַדן זיי די ציין. מען האָט באַדאַרפט קאָנען פון אַ גאַנצער פּיעסע מאַכן צען בלעטלעך דייטשן דיאַלאָג (דער פאַרבאָט צו שפּילן יידיש טעאַטער איז נאָך ניט אָפּגעשאַפט געוואָרן) און לאָזן עס צענזורירן. הכלל, מען האָט געדאַרפט קאָנען זיך אַריינגנבענען דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל קעגן אַלע הינטער־טירן, וויסן אַלע שוואַכקייטן פון אַלע גובערנאַטאָרן, פּאָליציימייסטערס און זייערע משרתים. מען האָט באַדאַרפט מיט קלענערע טרינקען, שפּילן אין קאַרטן און פאַרלירן ביי זיי געלט. מיט גרעסערע האָט מען באַדאַרפט קאָנען ריידן, מולירן די ציין און אַמאָל צושטעלן זיי געמיינע פאַרגניגנס, און אין דעם האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף דער עלטער דער אַלטער פישזאָן אַליין. ער איז געווען דער פלייסיקסטער צו „נעמען שטעט". אַ שטאָט, וואָס איז געווען די שטאַרקסטע פעסטונג קעגן אַלע יידישע טרופּעס און קיינער האָט זי ניט געקאָנט נעמען, האָט זי א. פישזאָן „געשטורעמט" און שטענדיק זי באַצוואונגען. נאָר אַמאָל פלעגט אין אים אויפלעבן דער אַקטיאָר און ער פלעגט אַרויסטרעטן אין דער ראָלע פון באָבע יאַכנע, איז עס פאַר אים געווען אַ יום־טוב און אויך פאַר אַלע זיינע אַלטע פריינד און פאַרערער".

„. . . מען קען זאָגן, אַז דאָס קערנדל פון „די בלאָנדזשענדע שטערן" איז ביי שלום־עליכמן אויפגעגאַנגען טאַקע אין גאַליציע. אין לעמבערג האָט יענעם ווינטער (          ) זיך אויפגעהאַלטן דער גוט־באַקאַנטער דירעקטאָר פון דעם וואַנדערנדיקן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, אַלטער פישזאָן, וואָס האָט זיך אַהין געראַטעוועט פונם אָדעסער פּאָגראָם מיט אַ טייל פון זיין טרופּע, און שלום־עליכם האָט צום ערשטן מאָל געהאַט די מעגלעכקייט נאָענט צו זען די דאָזיקע חברה, וואָס ער האָט נאָכדעם אַרויסגעפירט אין זיין ראָמאַן. ביז יענעם ווינטער האָט שלום־עליכם פישזאָנען ניט געקענט, כאָטש ער איז שוין דורך אים אַ פּאָר מאָל געשטרויכלט געוואָרן. איין מאָל, אין יאָר 1903, האָט מען צוגעשיקט

פון לאָדזש פישזאָנס אַן אַפּישע אין וועלכער יענער האָט אַנאָנסירט, אַז ער פירט אויף אַ פּיעסע מיטן נאָמען „שרה־שיינדל פון יעהופּעץ און מנחם־מענדל פון מאָזעפּענווקע, אַ קאָמעדיע אין פיר אַקטן, אַכט בילדער מיט געזאַנג, פאַרפאַסט פון ש. ראַבינאָוויטש (שלום־עליכם) איבערגעזעצט פון א. פישזאָן". צווישן די פאַרשויען פון דער קאָמעדיע זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהייסן „טעם", „זשאַק" (דווקא מנחם־מענדלס אַ ברודער!) און אַפילו — „פישקע דער קרומער". שלום־עליכם איז אַרויס מיט אַ פּראָטעסט אינם „פריינד" און האָט געשריבן צו מ. ספּעקטאָרן, וואָס האָט דעמאָלט פּראָטעזשירט פישזאָנען: „אַפילו דעם נאָמען פון שיינע־שיינדלען ווייסט ניט דײַן אַרטיסט (!?!) פישזאָן, און ער רופט זי „שרה־שיינדל". ער האָט, ווי עס שיינט, אַפילו ניט געלייענט קיין וואָרט פון מיר, נאָר געהערט, עפּעס אַ מנחם מענדל איז פאַראַן ביי שלום־עליכמען מיט עפּעס אַ שיינדל — שרה־שיינדל, חיה־שיינדל"...

די צווייטע שטרויכלונג איז געווען ניט לאַנג פאַר די פּאָגראָמען: שלום־עליכם האָט געפּלאַנט צו גרינדן אין אָדעס אַ יידיש „קונסט טעאַטער" צוזאַמען מיט די אַרטיסטן ספּיוואַקאָווסקי און סעם אַדלער, האָבן זיך אַריינגעמישט פאַרינטערעסירטע לייט און אָפּגעטראָגן דער רעגירונג, אַז דאָס נייע טעאַטער וועט זיין אַ נעסט פאַר דער רעוואָלוציע. אין אָדעס האָט מען געשמועסט, אַז אין דעם ענין האָט זיך באַמיט פישזאָן, וואָס האָט געוואָלט גיך פּטור ווערן פון אַ קאָנקורענט. שפּעטער מיט יאָרן, מיט דער אויפדעקונג פון דער אָדעסער צאַרישער „אָכראַנע", האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז מען האָט פישזאָנען געמאַכט אַן אומזיסטן בלבול. דער מסור אויף שלום־עליכמען איז געווען י. י. לערנער, אַ שרייבער אויף יידיש און רוסיש, אַ געוועזענער יידישער טעאַטער־דירעקטאָר און פאַרפאַסער פון טעאַטער־שטיק, וואָס האָט זיך לסוף געשמדט און געדינט אַלס שפּיאָן אין דער אָדעסער „אָכראַנקע".

איצט, אַז פישזאָן איז געקומען אין לעמבערג, האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט מיט שלום־עליכמען זיך צו באַקענען, האָט ער אָנגעהויבן אַריינקומען צו אונדז אין שטוב בשעת שלום־עליכם האָט זיך ניט געפונען אין דער היים, און איז צוגעשטאַנען צו מיר, איך זאָל זיין פאַר אים אַ מליץ־יושר. ער האָט זיך געשווירן מיט כל השבועות, ווי אַ יידענע, אַז ער איז קעגן שלום־עליכמען ריין. הלואי זאָל ער אַזוי ריין זיין יום־כּיפור פאַר גאָט... שלום־עליכם האָט אים לאַנג ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך, נאָר ענדלעך האָט ער נאָכגעגעבן; ער איז פשוט געווען נייגיריק צו זען וואָס פאַר אַ מין פאַרשוין דער פישזאָן איז. קיין איינדרוק פון אַ תּלמיד־חכם האָט ער אין די אויגן ביי אים האָט יונג געפלאַטערט אַן עכט אַקטיאָריש פייערל. דערפאַר האָט שלום־עליכם אָנגעקוואָלן פון זיין יאָדערדיקן, זאַפטיקן באַרדיטשעווער יידיש, און אַ חוץ דעם האָט אים פישזאָן אויסגעזען גלאַט זייער טשיקאַווע; ער פלעגט אַריינקומען צו אונדז אין שטוב דריי מאָל אַ טאָג, און יעדעס מאָל האָט ער געביטן זיינע פראַנטישע טשאַקנדיקע אָנצוגן, ווי צו נייע אַקטן אין אַ טעאַטער־שפּיל. דערהויפּט האָט ער אויסגעזען מלא חן אין זיין שפּאָגל נייעם גרינעם אָנצוג פון אַ צירק־רייטער, וואָס האָט שטייף אַרומגענומען זיינע אַלטע פעטע ליטקעס. דערצו זיינען ביי אים אַלע יונגער געווען איינגעקאָוועט אין שווערע רינגען מיט גרויסע בריליאַנטן, און זייגערס גאָלדענע האָט ער געהאַט גאַנצע צוויי. אין ביידע זשילעט־קעשענעס, פאַרבונדן דורך איין שווערער גאָלדענער קייט. שלום־עליכם האָט אים צוליב געטאָן און אַלע פינף מינוט געפרעגט „אַ נו, ווו האַלטן ביי אייך איצט די גאָלדענע זייגערס?"

דורך פישזאָנען האָט זיך שלום־עליכם באַקענט מיטן איבעריקן טעאַטראַלישן געזינדל אין לעמבערג, וואָס איז אים דערנאָך שטאַרק צונוץ געקומען פאַר „די בלאָנדזשענדע שטערן", דערהויפּט מיטן דירעקטאָר פונם לעמבערגער יידישן טעאַטער, גימפּל בן גימפּל, וועמען שלום־עליכם האָט אינם ראָמאַן משנה שם געווען אויף „געצל בן געצל". אַלטער פישזאָן איז ביי שלום־עליכמען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַלבערט שטשופּאַק", אָדער ווי ער אַליין האָט זיך אונטערגעשריבן „דירעקטאָר אַלבערט שטשופּאַק". פישזאָן האָט איבער רוסלאַנד פאַרזייט אַ סך צענדליקער יידישע אַקטיאָרן און די „גראַמאַטנע" פון זיי האָבן זיך געקוויקט מיט שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן". דערהויפּט האָבן זיי אָנגעקוואָלן פון דער אויסטערלישער מגושמדיקער פיגור פון אַלבערט שטשופּאַק, אין וועמען זיי האָבן דערקענט זייער ערשטן רבי און האַרטן דירעקטאָר".

**באָריס טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט אין 1913 גאַסטראָלירט אין פ. ס טרופּע אין יעקאַטערינאָסלאַוו, באַשרייבט אים אַזוי:**

„פישזאָן איז אייגנטלעך געווען דער אמתער גרינדער פון דעם יידישן טעאַטער. ער האָט גלאַט דעם געאַרבעט נאָך עטלעכע יאָרן פריער פאַר גאָלדפאַדענען. דאָס באַווייזט הער פישזאָן דורך אַפּישן און אַנדערע דאָקומענטן. פישזאָן און גראַדנער זיינען געווען די ערשטע יידישע אַרטיסטן, וואָס האָבן אָנגעפאַנגען צו שפּילן יידיש טעאַטער מיט אַ פאָרהאַנג און דעקאָראַציאָנען מיט איניקע יאָרן פריער אַר אַברהם גאָלדפאַדן, און ביי יעדער געלעגנהייט גיט הער פישזאָן צו באַווייזן, אַז ער און נאָר ער איז דער ערשטער. ער האָט אַ שטאַרקן, זייער שטאַרקן פאַרדרוס ווען עמיצער חלילה רעדט זיך אַרויס, אַז אברהם גאָלדפאַדן איז געווען דער ערשטער גרינדער פון דעם יידישן טעאַטער און ניט ער.

.. פישזאָן איז יעצט זיך פון באַלד 70 יאָר, אָבער ער איז שטאַרק, געזונט, אַ שיינע פיגור, אַ זייער הערלעכע האַלטונג און פאַרשטייט די קליינע אותיות. ער שרייבט אויך אַליין פאַר דער בינע און אויך נאַנכע טעאַטער־שטיקלעך. ער איז אייגנטלעך אַ קאָמיקער פון דער אַלטער שולע נאָך פון די „באָבע יאַכנעס", „באָבעשפּרינצעס" און „קוני לעמלס". ער זינגט נאָך אַצינד זייער שיין און נעמט אַ הויכן טאָן גאַנץ שיין פּונקט ווי אַ יונגערמאַנטשיק. איך האָב דעם אַלטן פישזאָן ניט געזען שפּילן. איך האָב אים אָבער געהערט זינגען ביי מיר אין צימער ווען מיר האָבן זיך געזעגנט אין וואַרשע, אָבער ווי איך האָב געהערט פון אַרטיסטן און פּריוואַט־מענטשן, איז פישזאָן שטאַרק באַליבט אַלס אַלטער אַרטיסט און נאָך מער אַלס געשעפטסמאַן.

... די פישזאָנס מאַכן אין רוסלאַנד די גלענצנסטע געשעפטן, און דאָס געלט בלייבט אינגאַנצן ביי זיי, ווייל די פאַמיליע אַליין איז די גאַנצע טרופּע. אַלעס, וואָס זיי דאַרפן האָבן איז אַ פּאָר מענטשן (אַקטיאָרן) אום צו שפּילן טעאַטער. דער נאָמען פישזאָן איז אַן אַלטע באַקאַנטע פירמע און עס איז זייער שווער פאַר די אַנדערע, אַפילו פאַר בעסערע קרעפטע, מיט דער פאַמיליע צו קאָנקורירן."

**מענדל 'עלקין שרייבט:**

„צוויי פון מיינע באַגעגענישן מיט אברהם פישזאָן — די ערשטע און די לעצטע -- און די איינדרוקן פון זיי וויל איך איבערגעבן.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט פישזאָנען אין באָברויסק ווען ער האָט געשפילט בשותפות מיט ספּיוואַקאָווסקין. געזען האָב איך דאַן ווי פישזאָן האָט געשפילט „מישקע“ אין דער „איראָפּעער אין אַנוועריקע“ („מישקע און מאָשקע“). איך האָב פשוט געשטוינט ווי אַזוי ער, אַ מאַנסביל, קאָן אַזוי גוט שפּילן אַ ראָל פון אַן עלטערער יידענע. נאָר אין דערזעלבער צייט האָט אויף מיר געמאַכט אַן אָפּשטויסנדן איינדרוק זיין „ברעכן“ (דאָס קומט פאָר אויפן שיף און מישקע האָט ים־קרענק). אַלעמען איז זייער געפעלן געווען ווי מישקע ברעכט און פישזאָן האָט פאַרטאָפּלט די „קמץ“, איינקע, און איך בתוכם, זיינען אַוועק צו פישזאָנען (דאַן איז עס געווען פשוט — פובליקום און אַקטיאָרן זיינען געווען שני בשני) פרעגן פאַרוואָס פאַרביליקט ער אַזוי זיין שפּילן. פישזאָן האָט כמעט ניט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים און האָט ערקלערט, אַז דאָס טוט ער „בכיון“, ווייל דאָס איז די העכסטע מדרגה פון קונסט, און קונסט איז ביי אים טייערער פון אַלץ. דאָס איז געווען געזאָגט אַזוי ערנסט און אויפריכטיק, אַז מען האָט אים בשום אופן ניט געקאָנט שלעכט אויסטייטשן. אַזאַ נאַיווער קינסטלער איז ער געווען.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים באַגעגנט אין יאָר 1912 אין אָדעס. דאָס איז געווען אין דער עפּאָכע פון „פינטעלע ייד“. דאָס גאַנצע יידישע רוסלאַנד האָט דאַן געפינטלט. איך בין גראָד גוקומען קיין אָדעס ווען פישזאָן האָט, באַלד נאָך אסתר רחל קאַמינסקאַ, פאַרנומען דאָס טעאַטער פון דער „ניכטערן געזעלשאַפט“ און האָט זיך געגרייט צו דער אויפפירונג פון „פינטעלע ייד“. די דאָזיקע אויפפירונג איז געווען אַנאָנסירט און רעקלאַמירט אויפן אַמעריקאַנער שטייגער און „אַזעסאַ מאַמאַ“ האָט געוואַרט אויף דער פרעמיערע. איך פלעג זיך דאַן אָפט באַגעגענען (שוין אַלס טעאַטער־מענטש) מיט פישזאָנען, און צו דער פרעמיערע בין איך געווען פאַרבעטן. צוזאַמען מיט מיר האָט מען אויך איינגעלאַדן די אַרטיסטין נעמי, וועלכע איז דאַן געווען אין אָדעס און וועלכע פישזאָן האָט געוואָלט צונעמען צו זיך אין טרופע כדי „צו מאַכן זי פאַר אַ מענטשן“. . .

די טריוקן זיינען באַשטאַנען פון אַ גאַנצער ריי אומגעלומפּערטע געשטימטע און אויסגעפּוצטע יום טובדיק. ער לויפט. ער וואַרפט אַ וואָרט אויף לינקס, אַ וואָרט רעכטס, און רוימט מיר איין אַ סוד אין אויער: „איר וועט שוין זען וואָס פאַרע טריוקן איך האָב דאָ באַשאַפן“ . . .

די פרעמיערע. דאָס טעאַטער איז געפּאַקט. אַברהם פישזאָן איז סצענישע איינפאַלן, ווי למשל: אין טעאַטער זיינען געהאַנגען אויף די ווענט לעמפלעך. אויף זיי אויסגעמאָלט אַ ייד מיט אַ פינטל אין מיטן שטערן. אַז מען פלעגט זינגען די קופּלעטן מיטן רעפרעין „פינטעלע ייד“, פלעגט זיך דאָס פינטעלע ביים יידן אויפן שטערן אָנצינדן, און נאָך אַזעלכע ביליקע גאַס־עפעקטן. אין ערשטן אַקט, ווען דער אַקטיאָר (שלמה) קוטנער געוואַלדעוועט און ראַנגלט זיך מיטן „לא תרצח“, זאַסלאַווסקאַיאַ — אַ בר־מצוה יינגל — זינגט קופּלעטלעך, אַרקאַ — באַראַנעוועט, קערט זיך אום מיט אַמאָל דער דיריגענט מיטן פנים צום פובליקום און דיריגירט. איך בין אין פאַרלעגנהייט. איך פאַרשטיי ניט וואָס דאָס איז. פּלוצלינג דערהער איך הינטער זיך אַ געזאַנג, איך קוק זיך אום און דערזע אַ פאָר צענדליק כאָריסטקעס, האַלב־נאַקעטע, גייען רייענווייז צווישן פובליקום, מיט ספרי־תורות אויף די הענט און זינגען „פינטעלע ייד“. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ אָפּשטויסנדיקן איינדרוק, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, האָב זיך אויפגעהויבן פון אָרט און



זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. נאָך מיר איז געלאָפן נעמי און נאָך אונדזביידע איז געלאָפן אַברהם פישזאָן אַ דערשראָקענער, און דערגרייכנדיק אונדז אין גאַרדעראָב, האָט ער מיט אַ ציטערנדיקן קול געזאָגט: „מענדל, וויי איז מיר, אייך איז ניט גוט געוואָרן? וואָס איז אייך? דאָ איז פאַראַן אַ דאָקטאָר, אָפּגערופן אים?“ איך האָב אים באַרויקט און בין אַוועק.

אויף מאָרגן איז ער געקומען געוויר ווערן וואָס איך מאַך און ער האָט זייער באַדויערט וואָס איך האָב ניט געקאָנט בייזיין ביז צום סוף. אויף מיין פראַגע ווי אַזוי דערלויבט ער זיך אַזאַ שונדשטיק, אַז נאַקעטע, פרעכע פרויען, זאָלן טראָגן ספרי־תורות איבערן טעאַטער, און בכלל וואָס איז עס פאַרע טריוקן מיט ספרי־תורות?, האָט ער, ווידער ווי צום ערשטן מאָל, כמעט ניט פאַרשטאַנען וואָס איך רייד צו אים און ער האָט זיך באַמיט איבערצוייגן מיך, אַז דאָס איז הויכע קונסט, און דאָס איז ביי אים טייערער פון אַלץ. אַ ראיה לדבר, אַז דאָס קאָסט אים אָפּ אַן אוצר געלט און ער האָט עס געטאָן מיט פאַרגניגן.

אָט אַזאַ נאַיווער קינסטלער איז אברהם פישזאָן געווען“.

**דער דיכטער הירש בלאָשטיין גיט איבער, אַז אין מיי 1915 האָט ער אין מאַריופּאָל, ביים אַזאָווער ים, געטראָפן פ., וועלכער האָט אים דערציילט וועגן די שוועריקייטן צו שפּילן יידיש טעאַטער:**

„...מען דאַרף געפינען אַזעלכע „טשינאָווניקעס“ (מלוכה־באַמטע), וואָס נעמען כאַבאַר. אמת, דאָס איז ניט שווער, אָבער מען דאַרף האָבן איינפלוס, רייכע מענטשן אין פּעטראָגראַד (פּעטערבורג), וואָס זאָלן קאָנען פאַרוואָרפן אַ גוט וואָרט אין די „הויכע פענסטער“. ער, אברהם פישזאָן, האָט דוקא יאָ אַזאַ באַקאַנטן און טאַקע אין צענזור־קאָמיטעט, און טאַקע אַ מין „אוטשאָני יעווריי“ (געלערנטן ייד). צו אים טאַקע וויל ער דאָס אָנשרייבן אַ בריוו. אויף רוסיש אָדער גאָר אויף העברעיש. יענער, ווייסט ער, קען גוט „לשון קודש“ . . . פונם ווייטערדיקן שמועס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אָט דעם בריוו דאַרף איך אָנשרייבן . . . אברהם פישזאָן האָט זייער אַ שלעכטן „פּאָטשעראָק“ (האַנטשריפט), און די אויגן זיינען אויך שוין ניט אַזוי וויל . . . און איך שרייב שיין („פּערלדיקע אותיות“ האָט ער מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט). ער האָט געזען אין קאָמיטעט (פאַר פליכטלינגען) די פראַגע־בויגנס, וואָס איך האָב אויסגעפילט מיט מיין האַנט. מיין, צו וואָס דאַרף איך ער זאָל מיר דיקטירן? איך בין דאָך אַ פּאָעט. איך וועל שוין וויסן ווי אַזוי צו שרייבן. ער וועט מיר נאָר זאָגן וועגן וואָס צו שרייבן. יאָ, עס וואָלט ניט געשאַדט מען זאָל אָנשרייבן דעם בריוו, ריכטיקער, צוויי בריוו, איינעם אויף רוסיש, דעם צווייטן אויף העברעיש, און וועלכער ס'וועט זיין שענער, מיט מער מליצה, דעם וועט ער אָפּשיקן.

איצט איז מיר שוין קלאָר געווען, אַז ס'זיינען ניט ווייט פון אמת די קלאַנגען, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט, אַז ניט אַלע יידישע אַקטיאָרן, בפרט די עלטערע, זיינען גראַמאָטנע . . . ער האָט מיר דאָ טאַקע אויפן אָרט געזאָגט וועגן וואָס דער בריוו דאַרף זיין. דער עיקר האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן צוויי פיעסן (ווי נעמען געדענק איך ניט), וואָס האָבן זיך געפונען אין צענזור־קאָמיטעט, און וועלכע ער האָט געוואַרט דורכשטופּן. אויף „דייטש“ האָט שוין ניט געטויגט. דאָס איז געווען זיין שפּראַך פונם שונא. דוקא אויף יידיש, און אַז ייזן זיינען פּאַטריאָטן וועט מען קאָנען זען פון די אַריינגעשטעלטע קופּלעטן.

... אַברהם פישזאָן האָט מיך פשוט געצוווּנגען איך זאָל קומען אַלע טאָג עסן מיטאָג ביי אים און נאָך מיטנעמען מיט זיך „עפּעס" פאַר מיין אַלטינקער מאַמען, און דאָס „עפּעס" איז שטענדיק געווען אַזאַ פּעקלע, וואָס האָט געקאָנט סטייען פאַר דרייען אויף אַ זאַטע געשמאַקע וויעטשערע.

... און חוץ דעם האָט אברהם פישזאָן, ביי מיין אַוועקגיין, כמעט אומבאַמערקט אַראָפּגעלאָזט אין מיינער אַ קעשענע עפּעס אַ פּאַפּירל, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָכדעם פאַר אַ גאַנצן פינף און צוואַנציקער, אַ סומע פאַר וועלכער איך און מיין מוטער האָבן פריי געקאָנט דורכלעבן אַ גאַנצן הודש. שפּעטער, אויף מיין לאַנגן לעבנסוועג, האָב איך געטראָפן עטלעכע אַקטיאָרן, וואָס האָבן גוט געקענט אברהם פישזאָנען און אַפילו געשפּילט מיט אים. מיינונגען וועגן אים זיינען געווען פאַרשיידענע: גוטע און שלעכטע, נאָר, אַז עמיץ פלעגט מיר וועלן באַווייזן, אַז דער „אַלטער פישזאָן" איז געווען אַ **קאַרגער** און ענג־האַרציקער, פלעג איך מיט היץ די דאָזיקע מיינונג אָפּוואַרפן. איך האָב, ווי איר זעט, געהאַט אַ גענוגנדן גרונט פאַר דעם".

**די זכרונות פון פ. האָבן אַרויסגערופן אַ שאַרפע דיסקוסיע צווישן ב. גאָרין און דר. יעקב שאַצקי, וועלכער האָט גאָרינען אין זיין רעצענזיע וועגן „דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער" פאָרגעוואָרפן, אַז ער האָט זיך ניט באַנוצט מיט פ.׳ס זכרונות. דערויף ענטפערט ב. גאָרין:**

„איך ווייס ניט וואָס ער מיינט מיט פישזאָנס. מיינט ער די זכרונות, וואָס פישזאָן האָט אַרומגעטראָגן אין קעשענע, האָט ער דאָך ניט געקאָנט ערוואַרטן, אַז איך זאָל פון אַמעריקע קאָנען אַריינקוקן צו פישזאָנען אין קעשענע ווען יענער איז געווען אין רוסלאַנד [גאָרינס בוך איז דערשינען אין 1918. פ.׳ס זכרונות זיינען געדרוקט געוואָרן, אין רוסיש, אין און אין — ז. ז.] אַפילו דר. יעקב שאַצקי האָט ניט געדאַרפט פאַרלאַנגען אַזאַ וייטן קוק פון מיר. נאָר אויב ער מיינט די עטלעכע אַרטיקלען, וואָס פישזאָן האָט געהאַט אין אַ פּאָר יידישע צייטונגען און אין „טעאַטער אי איסקוסטוואָ", האָב איך זיי דווקא געזען. אָבער, ווי געזאָגט, איז דר. יעקב שאַצקי אין דעם פאַל גאַנץ אומשולדיק. אין מיין געשיכטע האָט ער ניט געקאָנט געפינען קיין איינציק וואָרט, וואָס זאָל ווייזן, אַז איך האָב געלייענט די דאָזיקע זכרונות. די עוולה איז אפשר וואָס ער האָט ניט געזוכט אויסצוגעפינען די מעטאָדע, וואָס איך האָב געברויכט ביים זאַמלען מיין מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע. ער וואָלט דאַמאָלט געוווּסט, אַז איך האָב ניט אויסגענוצט צענדליקער קוואַלן בעסערע ווי פישזאָנס, און אָט פאַר וואָס: איך האָב זיך גאָר גיך איבערצייגט, אַז מען קאָן לחלוטין זיך ניט פאַרלאָזן אויף ידיעות, וואָס זיינען גענומען פון אַ צווייטער האַנט און **ווי ווייט איך האָב געקאָנט**, האָב איך זיך מיט אַזעלכע ידיעות **ניט** באַנוצט. איך האָב אָנגעזאַמלט אַ סך מער מאַטעריאַל ווי איך האָב געברויכט און אַפילו פון דער שוין געדרוקטער האָב איך [גאָרין האָט פריער די אַרבעט געדרוקט אין „צוקונפט" — ז. ז.] אויך אויסגעשניטן.

איך האָב זיך אויך גיך איבערצייגט, אַז נאָך מער פאָרזיכטיק דאַרף מען זיין מיט אַזעלכע פערזענלעכע זכרונות ווי פישזאָנס און זיין גלייכן, און עס איז געווען גאָרניט גרינג אויסצוגעפינען וואָס איז אמת און וואָס איז פאַנטאַזיע און וואָס איז באַרימעריי, און דאָס איז געווען די אורזאַך פאַרוואָס צווישן אַנדערע האָב איך אויך לגמרי פאַרבראַקירט פישזאָנס זכרונות. איך האָב זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף אַזאַ קליינעקייט, ווייל דאָס וועט ווייזן פאַרוואָס מיין קאַפּיטל וועגן גאָלדפאַדן שטימט ניט מיט פישזאָנס [זע מיין באַמערקונג בנוגע פ.׳ס שפּילן גאָלדפאַדנס „די מומע סאָסיע" — ז. ז.] און אויך ניט מיט שאַצקיס, אויב ער האָט שוין אַזאַ קאַפּיטל אָנגעשריבן, ווייל ער האָט זיכער זיינע ידיעות וועגן דער דאָזיקער עפּאָכע געשעפּט פון פישזאָנס זכרונות און דאָס גלייכן".

**דערויף ענטפערט דר. שאַצקי:**

„פישזאָנס זכרונות, געדרוקט אין „טעאַטער אי איסקוסטוואָ" האָבן אַ גרויסן ווערט פאַר דער געשיכטע פון דעם יידישן טעאַטער סיי סאָציאָלאָגיש (באַציִונג פון פובליקום צום טעאַטער), סיי היסטאָריש־פּאָליטיש (די רדיפות אויף דעם יידישן טעאַטער), ניט גערעדט פון אַ סך אַנדערע מאָמענטן. כמעט יעדער זכרונותשרייבער איז סוביעקטיוו. די אויפגאַבע פון אַ היסטאָריקער איז אָבער צו אַנאַליזירן דעם טעקסט און אַרויסבאַקומען פון אים דאָס וואָס האָט אַן אָביעקטיוון ווערט. דערצו זיינען אַקטיאָרן בכלל די סוביעקטיווסטע מענטשן. זייער סוביעקטיוויטעט גרענעצט זיך גָּמת מיט דער וועלט פון... ליגן (זע וועגן דעם אַן אינטערעסאַנטן שטודיום אין „צייטשריפט פאַר טעאַטער געשיכטע" (דויטש, 1902, „וועגן אַקטיאָרן־מעמואַריסטן") אָבער דאָס האָט אַ שיכות צום פערזענלעכן לעבן פון אַקטיאָר. דער אַלגעמיינער הינטערגרונט ווערט קאָרעגירט אָדער פאַרגליכן מיט אַנדערע קוועלן, אָדער לויט דעם אינטוִיטיוון מעטאָד פון אַזוי־גערופענעם „היסטאָריש מעגלעכן" און אויסגענוצט פאַר דער געשיכטע. אין דעם זין האָבן דווקא פישזאָנס זכרונות אַן ערשטקלאַסיקן ווערט פאַר דער יידישער טעאַטער־געשיכטע".

**אין דער רוסיש־יידישער צייטונג אין כאַרבין „סיביר־פּאַלעסטינאַ" איז געווען אָפּגעדרוקט דאָס פאָלגנדיקע לעצטע קאַפּיטל פון אַברהם פישזאָנס זכרונות, וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין יידיש אין „לאָדזער פאָלקסבלאַט" און פון דאָרט אין מערץ־אַפּריל 1922־נומער פון „יידיש טעאַטער", אַרויסגעגעבן דורכן יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן:**

„... און אָט בין איך אין כאַרבין. אַ פּאָר וואָכן האָב איך געמוזט זיך אויסרוען נאָך אָט דער לאַנגער און שווערער רייזע, און דאַן האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן די זאַך צוליב וועלכער איך בין אַהערגעקומען. איך האָב געוואָלט דאָ מאַכן גאַרדעראָב פאַר איניקע פּיעסן, וועלכע זיינען געווען פאַרבאָטן ביי דער צאַרישער רעגירונג. אָבער די פּרייזן פאַר דעם זיינען אין כאַרבין געווען זייער הויך. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. עס איז געשען עפּעס ערגערס — דער וועג איז מיר אָפּגעשניטן געוואָרן, און איך האָב דאָ געמוזט בלייבן. דאָס געלט, וואָס איך האָב אַהערגעבראַכט, האָב איך אָנגעהויבן צו בייטן אָט אויף כאַרוואַטיש און אָט אויף סיביריש געלט. דאַן איז געשען נאָך אַ גרעסער אומגליק, און איך בין ערנסט קראַנק געוואָרן און אָט ליג איך אויף מיינע עלטערע יאָרן ערגעץ אין אַ כאַרבינער שפּיטאָל. אָט ליגט דער אַלטער אַברהם פישזאָן אויף אַ שפּיטאָליש בעטל, קוקט אויף דעם באַלקן און טראַכט: „דערלעבט נאָך זעכציק־יאָריקן מוטשן זיך פאַרן יידישן טעאַטער. ליגסטו דאָ ווייט פון דיינע קינדער, קרובים, נאָנטע און באַקאַנטע, אַן אַ קאָפּיקע אין קעשענע, אין אַ שפּיטאָל, און אַזוי בין איך געלעגן אַ וואָך, צוויי דריי, די קראַנקהייט ווערט אַלץ ערגער און ערגער.

אויף דער פיר און צוואַנציקסטער נאַכט איז מיר געוואָרן זייער
שלעכט. מ׳פרעגט מיך וואָס איך וויל. איך ווייס וואָס איך וויל, א׳ן
די לעצטע מינוטן וויל איך זען מיינע קינדער. און אַזוי ליג איך און
טראַכט, און פּלוצלינג האָב איך פאַרלאָרן דאָס באַוווסטזיין און בין
איינגעשלאָפן צום ערשטן מאָל זייט פופצן טעג. א׳יניקע טעג שפּע־
איך זיך געפרעגט: שוין־זשע בין איך עס וועלכער האָט געפירט
די פראַגע צו וואָס בין איך געקומען קיין כאַרבין? און אַליין האָב
טער איז מיר בעסער געוואָרן. אין מיין קאָפּ האָב איך אַלץ געפילט
האָט אַוועקגעגעבן דריי פערטל פון זיין לעבן צו ריי׳ניקן דאָס יידי־
דעם גליק פונעם יידישן טעאַטער? איך — דערזעלבער, וועלכער
שע טעאַטער, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן אויסגעהאַלטן יידישע אַק־
טיאָרן, און אַפילו אַהין וווּ מען האָט יידן ניט אַריינגעלאָזט, פּלעג
איך קומען מיט פופציק יידן און געעפנט אַ טעאַטער. און מיט אָט
דעם אויסגעשנאָרעטן און אויסגעווײנטן יידישן טעאַטער האָבן גע־
לעבנט דרוקער, פאַבריקמאַכער, מוזיקאַנטן, אַקטיאָרן, סופלערן, טענ־
צער, דיריגענטן, כאָריסטן, כאָריסטקעס און נאָך פיל אַנדערע פּער־
זאָנען. מיר אַליין איז אָבער גאָרניט געבליבן.

מעגלעך, אַז עס וועט זיך געפינען עמיצער, וואָס וועט זאָגן,
אַז איך האָב געגעבן פּרנסה, נאָר ניט גענוג. עס איז אָבער אמת,
אַז ביי מיר האָבן געאַרבעט מענטשן פופצן יאָר און מער און זיינען
געווען גליקלעך מיט זייער אַרבעט און האָבן זיך ערוואָרבן אַ נאָמען.
איך קאָן אָן איבערטרייבונג באַהויפּטן, אַז איך בין געווען דער
אמתער פאָן־טרעגער פונם יידישן וואָרט. איך האָב געגרינדעט
דאָס יידישע טעאַטער נאָך אין יענער צייט ווען עס האָבן זיך
נאָך געפונען יידן, וואָס זיינען אַליין געווען קעגן יידיש טעאַטער
און האָבן זיך ניט געפילט צו שיקן זייערע מיידעלעך און בעטן
די רעגירונגס־מאַכט, אַז מען זאָל שליסן דאָס טעאַטער. איך האָב
נ׳יט ווייניק געקעמפט מיט פרעמדע און מיט אייגענע, און איצט
ווען מיין קינד איז שוין אויסגעוואַקסן, ווען דאָס יידישע טעאַטער
איז שוין פריי און אָנערקענט. אָט איצט שלאָג איך מיר אין האַרץ
פאַר מיינע „זינד״. איך זע איין, אַז איך האָב געטאָן אַ גרויס פאַר־
ברעכן פאַר גאָט און לייט. איך האָב אַרויסגעשלעפּט מענטשן פון
שמוץ און אַליין בין איך דאָרט אַריינגעפאַלן.

אַרטיסטן מיט טאַלענט זיינען אין כאַרבין ניט אין דער מאָדע.
דאָ איז אין דער מאָדע פּאָרנאָגראַפיע, ציניזם, פּאַיאַצטווא. איך
פרעג די יידישע אַקטיאָרן: ווו איז די יידישע קונסט אין זייער
שפּילן אויף יידיש אָדער אין דער האַלב־רוסישער און האַלב־
יידישער שפּראַך אין וועלכע זיי שפּילן אין זייערע פּאָרנאָגראַ־
פישע פאָרשטעלונגען, ווען די אויסשפּראַך איז אַ געקינסלטע, די
שטימע פאַלש, אַזוי, אַז דאָס אויער קאָן עס ניט פאַרטראָגן און דאָס
האַרץ ווערט געבראָכן און דער הומאָר גייט פאַרלאָרן, אין גע־
וויסע יידישע פּיעסן איז דאָ אַ סוזשעט, די פיינקייט פון די לייכט־
מוזיקאַלישע מאָטיוון, און אין כאַרבין ווערט פון דעם גראָבע
ווערטער, ניט קיין שיינע אַניסדריקן, און אַנשטאָט אַ סוזשעט
הייבט מען די פיס און מ׳טאַנצט.

ווי גליקלעך בין איך אַמאָל געווען ווען די פּרעסע האָט
געשריבן וועגן מיינע אַרטיסטן פאָדערנדיק פון זיי ריינע קונסט.
יעדן טאָג זיינען געווען אין דער פּרעסע רעצענזיעס: לויבנדיקע,
קריטיקירנדיקע, און דאָס איז געווען די שולע פאַר די יידישע
אַקטיאָרן. וויל מי האָט מיך געקאָסט, אַז די צייטונגען „אָדעסקיע
נאָוואָסטי״, „אָדעסקי ליסטאָק״, „יושנאַיע אָבאָזרעניע״ זאָלן זיך



רעכענען מיט מיין טעאַטער ווי מיט אַנדערע טעאַטערן, זאָלן שיקן
מיר זייערע טעאַטער־קריטיקער, און איך האָב דערגרייכט מיין
ווונטש, און יעדן טאָג פּלעגט קומען אַ קריטיקער: לאָרענץ,
לאָענגרין, ביערדאָווי, ראַבינאָוויטש און איזראַעל מאָיסעוויטש חפץ,
און אַפילו אָסמידאָוו, דער רעדאַקטאָר פון „נאָווי ראָסיסקי טעלע־
גראַף״ איז אויך פאַרשלעפּט געוואָרן אין יידישן טעאַטער. און
אַזוי איז געווען אין קיעוו מיט יאָרצעוון, אין כאַרקאָוו מיט יוזע־
פעוויטשן און מאָסקווע מיט איגלאָוון און פעטערבורג מיט קו־
געלן. איך האָב אין קעשענעוו זיך ניט געפילט און אַפילו איינגע־
לאַדן קרושעוואַנען. מיר האָבן אין יענעם אָוונט געשפּילט „שולמית״
(אָדער „די טאָכטער פון ירושלים״) און ער האָט אָנגעשריבן אַ
רעצענזיע אין וועלכער ער האָט געשטעלט די פראַגע „זינדיק איך?״,
איך בין געגאַנגען אין יידישן טעאַטער און האָב געזען זייער אַ
שיינע פאָרשטעלונג מיט שיינע דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, מוזיק
און אַ גרויסאַרטיקן כאָר, וואָס מאַכט אַ זייער שטאַרקן איינדרוק
...איך בין געגאַנגען זען נאָר „איין טאָכטער פון ירושלים״, און
האָב געזען אין טעאַטער אַלע „טעכטער און זין פון ירושלים״. איך
בין מיט מיין קאָמפּאַניע געקומען אין וואַרשע און מיט גוואַלד
האָב איך געבראַכט אין טעאַטער דינעזאָן, ספּעקטאָר, פרישמאַן,
פּרץ, שלום אַש און דר. מוקדוני און זיי האָבן געשריבן ווי אַזוי
זיי האָבן פאַרשטאַנען, און קיינער פון די אַקטיאָרן האָט זיי ניט
באַליידיקט. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל מיינע אַקטיאָרן האָבן גע־
האַט רעספּעקט פאַר דער פּרעסע, רעספּעקט פאַרן פּובליקום, פאַר
דעם רעזשיסער. פאַר דעם דירעקטאָר און זיי האָבן געוווסט, אַז זיי
זיינען נאָר אַקטיאָרן און אַקטריסעס און ניט עפּעס אַנדערש, מיי־
נע אַקטיאָרן האָבן געוווסט וואָס אַן אַקטיאָר דאַרף וויסן.

און איצט? יידישע אַקטיאָרן ווייסן, אַז מען מוז האָבן הויזן, וואָס
קליידן זייער גוט. לאַקירטע שיך, אָבער ווי אַזוי צו גיין אויף דער
סצענע, ווייסן זיי ניט. זיי ווייסן, אַז אַן אַקטיאָר דאַרף האָבן אַ פראַק,
אָבער ווי אַזוי זיך צו האַלטן אין דעם פראַק, ווייסן זיי ניט. ווײ־
ניק טעאַטער־פריינט האָב איך געהאַט ביים לעבן, און מעגלעך, אַז
נאָך מיין טויט וועלן ווייניק נאָך מיר וויינען. פאַר מיין שרייבן וועל
איך האָבן מער שונאים ווי פריינט, מער שעלטער ווי בענטשער,
נאָר איך גלייב, אַז עס איז ניט ווייט די צייט ווען אַלע, וואָס קאָנען
שרייבן, וועלן נעמען די פעדערן אין די הענט און וועלן פאָדערן
פון די יידישע אַקטיאָרן, אַז זיי זאָלן פאַרטרייבן פון דער סצענע
די „ליאָווקע מאַלאָדיעצן״, פּיעסן, וואָס קאָנען געשפּילט ווערן נאָר
פון פּאַיאַצן אויף דער יידישער סצענע. די פּרעסע טאָר ניט שווייגן.
די פּרעסע מוז קעמפן פאַר יענע אמתן, וואָס איך האָב אַריינגעלייגט
אין טעאַטער בעת איך האָב עס געגרינדעט.

דאָס יידישע וואָרט, די יידישע שפּראַך, איז איצט די רעוואָ־
ציאָנערע שפּראַך פאַר מיליאָנען רוסישע, רומענישע, גאַליציאַנער
יידן, יעדעס וואָרט מוז טראָגן אין זיך האָפענונג, ליכט און
פרייד. דאָס וואָלט געווען פאַר מיר די טייערסטע באַלוינונג פאַר
די לאַנגע יאָרן פון אַרבעטס־טעג און שלאָפלאָזע נעכט. איך האָב
געלעבט און האָב דערלעבט, און עס טוט מיר ניט באַנג, וואָס איך
גיי שטאַרבן, און עמיצער וועט אַמאָל געפינען אויפן בית־עולם
אָן אַלטע צעבראָכענע מצבה, וואָס איז מיר געשטעלט געוואָרן,
און איבער׳געזנדיק זי, וועט ער זאָגן: „דאָ ליגט אַן אומגליקלעכער,
וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געמוטשעט און געקעמפט מיט
די שונאים פון יידן, פון אַ מיניסטער צו אַן איינפאַכן פּאָליציסט.

ער האָט געזוכט דעם אמת, און אַז דער אמת איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער געפונען אַ שקר".

לויטן אַקטיאָר א. קושצינסקי, איז די הויפּט סיבה, וואָס האָט פאַרוואָרפן פּ. אויפן ווייטן מזרח, געזען דיזעלבע, וואָס האָט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מלחמה און רעוואָלוציע, געשטויסן אַהין אַ סך פון זיינע אייגענע און פריינד. פּ.'ס הויפּט־פּלאַן איז געווען צו פאַרייניקן אויפן ווייטן מזרח אַלע צעזייטע אַקטיאָרישע כוחות און מיט זיי צוזאַמען פאַרווירקלעכן זיין לאַנג־יאָריקן חלום צו שאַפן אַן אמתן יידישן טעאַטער אויף יענער זייט ים, אָבער שרייבט א. קושצינסקי:

„קומנדיק אויפן ווייטן מזרח זיינען זיינע פּלענער צעשטערט געוואָרן, ווייל, צום גרויסן באַדויערן, מוז איך באַמערקן, אַז קומענדיק אַהער, האָט ער פון אונדזערע אַקטיאָרן באַקומען ניט אַזאַ אָפּשאַצונג ווי ער האָט פאַרדינט, און דאָס האָט אויף אים שטאַרק געווירקט.

אויף דער פראַגע פון זיינעם אַן אינטימען פריינט פאַרוואָס ער רעאַגירט ניט אויף דעם, פלעגט ער ענטפערן: „מיין אַרטיסטישער שטאָלץ און יידישע עקשנות ערלויבן דאָס מיר ניט. איך בין געווען אַ קעניג, אַצינד מוז איך מיין קרוין אויסטאָן פונקט ווי אַנדערע קעניגן האָבן עס געטאָן". און ער האָט געליטן שטיל און געשוויגן. די פּאָליטישע אומשטענדן האָבן זיך געביטן. קאָלטשאַקס רעגירונג האָט פאַרטריבן זיינע קינדער אין שאַנכיי. . . . ער איז געווען געצוווּנגען מיטפאָרן קעגן זיין ווילן. קומנדיק קיין שאַנכיי איז זיין אַנטוישונג געוואָרן נאָך גרעסער. אין יענער סביבה האָט ער ניט באַגעגנט אַפילו איינעם מיט וועלכן ער זאָל זיך קאָנען עטוואָס טיילן, און דאָס האָט אים אינגאַנצן נידערגעשלאָגן, אַוועקגערויבט זיין מוט און ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַלט און שוואַך. די לאַגע פון די ע[אי]מיגראַנטן אין שאַנכיי בכלל און פון די יידישע אַרטיסטן בפרט".

א. קירזשניץ דערציילט, אַז פרייטיק, אַ טאָג פאַר פּ.'ס טויט, איז ער נאָך געזעסן אין רעדאַקציע פון „ווייטן מזרח" און דערציילט וועגן אינהאַלט פון זיינע זכרונות, וואָס ער שרייבט פאַר דער צייטונג. ער האָט געוויזן מוסטערן פון פּאַפּיר אויף וועלכן ער האָט שוין אָפּגעגעבן צום דרוק זיין בוך „זכרונות". ער האָט זיך אַפילו צוגעגרייט אויפצוטרעטן אין „גאָט, מענטש און טייוול". פּ. האָט זיך אויך געקליבן פאָרן קיין אַמעריקע זען דאָס דאָרטיקע יידישע טעאַטער.

צומאָרגנס, שבת, איז ער געוואָרן פּאַראַליזירט, אויפגעהערט צו ריידן און זיך קאָנען באַוועגן. ניט געקוקט אויף דער פראָסט און דעם מאַנגל אין צייט צו אַנאָנסירן די לויה, איז געקומען אַ גרויסער עולם אים באַגלייטן צו זיין אייביקער רו. אַרוםביידע בתי מדרשים האָט די לויה זיך אָפּגעשטעלט. מספּיד געווען האָבן פאָרשטייער פון דער קהילה, דער רעדאַקטאָר פון „ווייטן מזרח" און די אַקטיאָרן פאָגעלנעסט און קושטשינסקי.

זיין פרוי, די שוישפּילערין חיענא בראַגינסקאַ, גיט איבער אין אירע זכרונות:

„אַ פּאָר שעה נאָך מיין מאַנס טויט זיינען צו מיר געקומען דער רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער יידישער צייטונג „דער ווייטער מזרח", דער קאָרעספּאָנדענט פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און פיל אַנדערע, און האָבן פאַרלאַנגט, אַז די לויה זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף עטלעכע טעג ביז די נייעס וועט אין דער פּרעסע



פאַרעפנטלעכט ווערן כדי דעלעגאַציעס פון אַנדערע שטעט און אינסטיטוציעס פון דער גאַנצער יידישער וועלט זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט דורך פאַרטרעטער אָדער דורך קייבעלס [טעלעגראַמען] אָנטייל צו נעמען אין דער לוויה. איך האָב אָבער געוווּסט ווי פרום מיין מאַן איז געווען אין די לעצטע יאָרן ווען אונדזערע צרות האָבן אונדז געמאַכט אָבערגלויביש. איך האָב געוווּסט, אַז



זיין וווּנטש וואָלט געווען געבראַוכט צו ווערן צו קבר ישראל ווי זיינע פרומע עלטערן פאַר אים, נאָך די שטרענגע פאָרשריפטן פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום, בין איך באַשטאַנען דערויף, אַז ער זאָל נאָך יענעם זונטיק באַערדיקט ווערן, און מיין וווּנטש איז אויסגעפירט געוואָרן.

ניט קוקנדיק אויף דער אויסערגעוויינלעכער אייַלעניש, אויף דעם ברענענדיקן פראָסט, וואָס איז געווען שווער אַפילו פאַר דעם פאַרהאַרטעוועטן עולם, איז אַ מאַסע מענטשן געקומען צו דער לוויה. פאָרשטייער פון כמעט אַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס זיינען געקומען צוטיילן כבוד דעם מאַרטירער פאַר דעם יידישן טעאַטער און פאַר אַלע יידישע אַרטיסטן אין רוסלאַנד. אַ צאָל שוישפּילער האָבן רירנדע רעדעס געהאַלטן ווען די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די שולן פון דער שטאָט. אויסער זיי האָבן גערעדט דער רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער יידישער צייטונג און דער פאָרזיצער פון דער יידישער קהלה. פון רוסישן טעאַטער איז אַרויס די גאַנצע טרופּע מיטן אָרקעסטער, וואָס האָט געשפּילט אַ טרויער־מאַרש. אויף דעם בית־עולם זיינען ווידער געהאַלטן געוואָרן פיל רעדעס".

אין דער ספּעציעלער ביילאַגע צום „דער ווייטער מזרח", כאַרבין, דעם 20 יאַנואַר 1922, זיינען אָפּגעדרוקט אַ סך נעקראָלאָגן פון אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, פּ.'ס ביאָגראַפיע, געשריבן פון מ. בירמאַן און אַ ריי נעקראָלאָג־אַרטיקלען.

אַזוי שרייבט א. ק.:

„צוזאַמען מיט אים איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ גאַנצע תקופה פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד. אַברהם פישזאָן איז געווען איינער פון יענע, וואָס זיינען געשטאַנען ביים וויגעלע פון יידישן טעאַטער, וואָס האָבן פאַר אים דעם שטיינערנעם באָדן צעגראָבן און די ערשטע גרונטשטיינער אויף זיין פונדאַמענט געלייגט. . . . ביטער און שווער האָבן זיינע פּיאָנערן לאַנגע, לאַנגע יאָרן געמוזט קעמפן פאַר זיין קיום, פאַר זיין רעכט אויף עקזיסטענץ. קעמפן אויף צוויי פראָנטן, קעגן אויסערלעכן שונא — דער צאַרישער רעגירונג מיט

אירע שוואַרצע משרתים, וועלכע האָבן אומאויפהערלעך געפּלאָגט און פאַרפּאָלגט דעם יידישן טעאַטער, און קעגן די פאַרייניקטע אינערלעכע שונאים — דער העברעיסטישער און אַסימילאַטאָרישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן דעם יידישן טעאַטער, אַלס קינד פון דער מאַסע, שרעקלעך געהאַסט און פאַרביסן געקעמפט קעגן אים.

גובר זיין די דאָזיקע צווייערליי שטערונגען, אָפּראַמען פון וועג די אַלע דערנער און שטיינער מיט וועלכע ער איז געווען געדיכט באַזעצט, פאַר דעם האָט מען געדאַרפט האָבן אַזויפיל מוט און ענעוגיע, אַזאַ טיפן גלויבן, איבערגעגעבנהייט און ליבע צום יידישן טעאַטער, ווי ס'האָט פאַרמאָגט דער פאַרשטאָרבענער אַברהם פישזאָן.

...אַברהם פישזאָן האָט דורכגעמאַכט די ערשטע און שווערסטע תקופה פון יידישן טעאַטער. כמעט אַ יובל יאָרן האָט ער אומדערמידלעך און מיט ליבע אים געדינט. ... אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער וועט ער פאַרנעמען איינעם פון די אָנגעזעענסטע און בכבודיקסטע ערטער".

**דער אַקטיאָר ש. פאָגעלנעסט נעקראָלאָגירט אים אַזוי:**

„געשטאָרבן איז דער פאַסטוך פון די יידישע אַרטיסטן. עס לעבט שוין ניט מער דער זיידע פון יידישן טעאַטער.

פאַר אונדז יידישע ארטיסטן איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער ליכטיקער שטערן, וואָס האָט יאָרן־לאַנג באַלויכטן אונדזער וועג. מיר האָבן פאַרלאָרן דעם אַלטן מוטיקן קעמפער, וועלכער האָט פיל צענדליקער יאָרן געקעמפט פאַרן יידישן טעאַטער ...ווי שעפעלעך אָן אַ פאַסטוך, ווי יתומים אָן אַ טאַטען, זיינען מיר יידישע אַרטיסטן געבליבן. דער פאַרשטאָרבענער זיידע איז אונדזער פאַסטוך, אונדזער

**מ. קיפּניס שרייבט:**

„געשטאָרבן, באַגראָבן און גאָרנישט. מיט אַ קליינער נאָטיץ האָט מען אין דער וואַרשעווער פּרעסע אָפּגעפאַרטיקט די דאָזיקע טעאַטראַלע פערזענלעכקייט, וואָס איז אין אַ משך פון עטלעכע צענדליקער יאָרן געווען די פּאָפּולערסטע אויפן גאַנצן שטח פון אַל״ו, אֶפילו צווישן די אַלטע איז ער געווען דער פרימיטיווסטער הן יידישן ישוב אין רוסלאַנד, פּוילן, ליטע און ווו נישט? פונם יידישן בעל־הבתישן ייד ביזן דינסטמיידל אַפילו, אין יעדער שטאָט און שטעטל, אַלע האָבן פישזאָנען געקענט. אַ טעאַטראַלער ליבלינג פון פּובליקום איז ער געווען. איז דען דאָ ערגעץ אַ לאָך, אַ העק, אַבי נאָר מיט אַ יידישן ישוב, ווו פישזאָן מיט זיין טרופּע זאָל דאָרט ניט האָבן געשפּילט די באַליבטע טעאַטער־שטיק „די באָבע מיטן איידיקל", „די באָבע יאַכנע", „די צוויי קוני לעמעלס", „ברײנדעלע קאָזאַק", „טודרוס בלאָז" און נאָך און נאָך, דעם גאַנצן גאָלדפאַדן־רעפּערטואַר מיט וועלכן ער האָט זיין אַרטיסטישן וועג אָנגעהויבן און ביי וועלכן ער האָט זיך אַ יובל מיט יאָרן פעסט געהאַלטן ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן.

אויב גאָלדפאַדן איז דער זיידע, וואָס האָט דאָס יידישע טעאַטער געשאַפן, איז פישזאָן יענער זיידע, וואָס איז ביים וויגעלע פון נייגעבוירן קינד געשטאַנען, די וויקעלעך אים געגייט, דאָס געפּלעגט, געהאָלפן ערציען און דאָס אין דער גרויסער וועלט געבראַכט און דאָס אויף אַ פעסטן מעמד געשטעלט. ס'איז ווייניק אים אָנצורופן „פּיאָנער פון יידישן טעאַטער". פישזאָן איז געווען אַ מיטשאַפער פון יידישן טעאַטער און העכסט אינטערעסאַנט איז אויך די ביאָגראַפיע זיינע.

...אברהם פישזאָן איז אַלס אַרטיסט געווען דער „פרימיטיוו" אין זיין אַרט שפּילן, הן אין זיינע אָנשוויונגען. ער אַליין איז אין אַנדערע פיעסן אויסער גאָלדפאַדנס, ווייניק אַרויסגעטראָטן. די ליבלינגס־ראָלע זיינע איז געווען „די באָבע יאַכנע". אַפילו גאָרדינס רעפּערטואַר האָט אים ניט געוואונען. דערפאַר אָבער אַלס טעאַטער־אָרגאַניזאַטאָר און דירעקטאָר האָט ער צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט. זיין טרופּע איז באַשטאַנען פון די בעסטע קרעפטן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. זיינע תלמידים זיינען: ליבערט, זאַנדבערג, דיריזשאָר שלאָסבערג מיט פרוי שלאָסבערג, נעראָסלאַווסקאַ [זאַסלאַווסקאַ], בראַגינסקי, בליפעלד, מישע פישזאָן, ראַפעל, קוטשינסקי, אַרקאָ, פישער און אַנדערע, און אויף יעדן גוטן אַרטיסט זיינעם פלעגט ער זאָגן אויף רוסיש: „כאָראָשי אַרטיסט, שקאָלאַ פישזאָנאַ" (אַ גוטע אַקטיאָר, פישזאָנס שולע). ער האָט ליב געהאַט פירן דאָס געשעפט ברייט, ביי אים האָבן אַרטיסטן געדאַרפט גיין פיין, אַרטיסטיש געקליידט. ער האָט ליב געהאַט רעקלאַמע. אַז ער איז געקומען אין אַ שטאָט מיט זיין טרופּע, פלעגט ער אָנשטאָט (אויף) 2 פורן אויפלאָדן די זאַכן מיט דער טרופּע אויף 20 פירלעך און די קאָסטנס מיט די אויפשריפטן „טרופּאַ פישזאָנאַ" האָבן אַלעמען געריסן די אויגן. ווי אַן אַלטער זיידע האָט ער געהאַט זיינע שוואַכקייטן און באַזונדערע מיטלען צו רעקלאַמע. אַז ער איז געקומען אין אַ קלענערע שטאָט, האָט ער געהאַט אַ טבע צו גיין אַליין אויפן מאַרק קויפן פיש און געבן אַ גאַנצן הונדערטער מען זאָל אים געבן רעשט, איז דאָך נישט געווען, פלעגט מען אויסלויפן דאָס גאַנצע שטעטל צו בייטן דעם הונדערטער, וואָס דער רייכער טעאַטער־דירעקטאָר האָט געגעבן. ער האָט אויך געהאַט אַ שוואַכקייט איבערצומאַכן די נעמען פון פרעמדע פיעסן און אַ ביסל דעם אינהאַלט און זאָגן, אַז ס'איז זיינס דעם „(יידישן) קעניג ליר" (פון יעקב גאָרדין) האָט ער אַ נאָמען געגעבן „יאָשע האַלפערין פון בערדיטשעוו", לאַטיינערס פיעסע „כיבוד אב" האָט ביי אים געהייסן „מאיר, איטשיק־מענדל" אָדער „כאַנטשע גנענדל פון בערדיטשעוו". שפּעטער האָט ער דאָס אַ נאָמען געגעבן „דער יידישער ערב פּסח".

...פישזאָן האָט גאָרנישט געהאַלטן פון די פּאָעטן מיט גראַמען, אָבער אַז ער האָט געדאַרפט, האָט זיך ביי אים אַלץ געגראַמט. למשל „טיש" מיט „וואַנט" איז ביי אים געוואָרן טישניו, האַנטעניו, און פּטור"...


חיענע בראַגינסקאַ־פישזאָן — ראָמאַנען פון לעבען, „מאָז'ש", ג. י., 14 יאַנואַר 1940.

אַ בריוו פון ב. גאָרין — אַן ענטפער פון דר. י. שאַצקי, „דאָס נייע לעבן", ניו־יאָרק, נ' 11, 1923, זז. 59־52.

א. קרזשניץ — דער טויט פונ'ם אַלטען אידישען אַקטיאָר אין כארבין. „פאָרוו.", 24 פעברואַר 1922.

א. קאָמפּאַנעיעץ — אויפ'ן פרישען קבר פון אברהם פישזאָן, „דער מאָמענט", וואַרשע, 24 מערץ 1922.

ל. דושמאַן — שלום עליכם'ס בריוו געגען פארלעגער וואָס האָבן אים און מענדעלע'ן באַשווינדלט, „מ'פ", ג. י., 9 מערץ 1939.

מ. קיפּניס — אַ זיידע פון אידישען טעאַטער, „נייער היינט", וואַרשע, נ' 66, 1922.

ש. ע. פון זלמן זילבערצווייג.

מענדל עלקין — אברהם פישזאָן, „יידיש טעאַטער", וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1922, זז. 23־14.

אברהם פישזאָן — דאָס לעצטע קאַפּיטל פון מיינע זכרונות, דאָרט, זז. 27־23.

דר. א. מוקדוני — „אין וואַרשע און אין לאָדזש", בוענאָס איירעס, 1955, זז. 153־146.

מ. ספּעקטאָר — דאָס יודישע טעאַטער אַמאָל און איצט, „דאָס יודישע פאָלק", ווילנע, 21 יוני' 1906.

י. ד. בערקאָוויטש — אידישע גאַליציע געפינט אַן אָפּקלאַנג אין שלום־עליכמ'ס ווערק, „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", נ. י., 25 מאַי 1969.